STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03036

LIDER FUN DER TSAYT

Judd L. Teller

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער פון דער צייט

פון

י. ל. טעלער

פון זעלבן מחבר:

סימבאָלן (1930)

מיניאַטורן (1934)

Copyright, 1940
BY J. L. TELLER

46

דעם קינסטלער
אויגוסט צי-חנא
געווידמעט,
יאָסל גראָוויץ
חבֿרל
פייגעלעין [illegible]
יאנ. 16, 1940.

1. אינוואַזיע

פּאַספּאָרט
אַריינמאַרש
משפּט
לאַנדשאַפט מיט מיליטער
הינטערן פראָנט
אידיליע
לאַנדשאַפט מיט מלחמה
אַ קינד זעט
עמיגראַנטיש

1: פּאַספּאָרט

פאָרנאַהמען . . . צונאַהמען . . .
געבוירן אין טאַרנאָפּאָל, ביים סערעט.
אַריבער די רעלסן ליגט זבאַראַזש,
אָן דער זייט — פּאָדוואָלאָטשיסק,
און אין וואָלאָטשיסק —
דער רוס,
דער מאָסקאָל.
אַז ר'האָט אין 1914 זיך באַוויזן מיט פערד
צעבראָכענע וועגענער
באַרוועסע זעלנער
און רייטער מיט פּיקעס
אויפן באַרג-אַראָפּ וואָס פירט אין שטאָט אריין,
האָט די מאַמע צעשראָקן די לאָדנס פאַרמאַכט.
אויף אַ באַנקבעטל אין אַ פינצטערער קיך
האָט זיך צונויפגעדריקט דאָס ווייבערש
הויזגעזינט מיט אַ צוויי-יאָריק קינד
און געוואַרט.
ווייטע שריפות
האָבן דורך שפּאַרעס
די סטעליע געפאַרבט.

ווי לאַנג איז געווען ביי אונדז דער מאָסקאָל?
אין קלאָרע אינדערפריען
וואָס האָבן געלויכטן ווי דער באָבעס לייכטער,
ווי יידישע פענצטער דעם ערשטן טאָג פּסח,

פלעגן זעלנער שפּייען אין פּאָמאַדע־שאַכטלען
און שמירן די שיך.

ס׳פלעגן זיך בייטן די מונדירן און די היטלען,
קומען מיט שאָסן אין פאַרשטאָט
און אָפּציען מיט שריפות אויפן מאַרק.
מען פלעגט שלעפּן טויטע פון סערעט,
געפינען הרוגים אונטער שניי
אין די בערג.

מיינע חושים
(כ׳בין געווען אין דריטן יאָר)
זענען אינם פּאַניק פון גרויסע
געוואָרן פלוצים וואַך.
מיין ערשט געדענקען איז
דאָס קראַכן פון שויבן
ביים שכן אויפן ראָג.

ביז היינט גאַלאָפּירן אין מיין חלום
טשערקעסן אויף פאַרנע פערד,
פּאָדקאָווע‍ס זיגלען מיט ווידער׳קול דעם ברוק,
ס׳רייסט־אויף אַ בריק און שלעפּט־מיט
דעם צוג.

2: אַריינמאַרש

ווידער יאָגט דער רייטער אויפן זבאַרזשער וועג.
צופוסנס — טאַרנאָפּאָל.
צוויי בערג, און הינטער זיי — דער סערעט.
די צערקווע ליגט אין טאָל.
און הינטער מויערן, אין אַ סאָד,
דער מאָנאַסטיר וואו יעזואיטן
ראַנגלען זיך מיט לייב און גאָט.

שפּעטזומער בלעטער פאַלן אויפן רייטערס פּלייצע.
די זון שלאָגט אים אין די אויגן,
פּלאַטערט פון דער פּיקע — ווי אַ פאָן.
ער שיסט-אַראָפּ אַן עפּל פון אַ בוים,
דאָס פערדל הירזשעט,
טריטלט אין אַ קרייז.

ער, איינער — אויפן זבאַרזשער וועג.
אין עקשטאָט ברענען סקלאַדן.
אויף דער בריק — דעם פיינטס שינעלן
ווי אַ פאַרלייגטער שטראָם.

איבער דעכער לויפט אַ יינגל.
שאָטנס לויפן-מיט מיטביידן.
וואָס וויל דער רייטער — ברויט צי פרידן?
וואָס וויל דעם יינגלס האַנט?

און איינער טיילט זיך אויס
און טראָגט זיך באַרג-אַראָפּ.

א מענטש פאַרפלאָכט זיך ביי אַ פּלויט
צו ווערן שאָטן,
ווערן ברעט.

פון צוויי זייטן ציען, זינגען
קריסטלעכע פּראָצעסיעס.
פּראַוואָסלאַווגע קופּער,
און קאַטוילישׁ גאָלד.
פון אַ הילימשקע — אַ עדה יידן
מיט צעשראָקן ברויט און זאַלץ.

דעם שתדלנ׳ס אויגן זוכן שוין
דעם קאָמענדאַנט.

און עס שטראָמען, טופּען די חיילות
צום מאַרק, צו די קאַזאַרמעס,
צו דער ברענענדיקער מיל.

די לופט איז האַרב
מיט ליכט, מיט פאַרב
פון ווייסע, פרישע צלמים
אויף גוי׳עשע טירן.
אין אויטאָס זיצן אָפיצירן.
עפּאָלעטן, גרויע שלייפן און לאָרנעטן.
אין די זאָטלען — יונגע לייטענאַנטן.
און נאָך יעדן שטאָלצן פערד —
דאָס פּראָסטע מיליטער.
פורן מיט פּראָוויאַנטן.
מונדירטע מוזיקאַנטן.
און די פאַרמאַכטע וועגענער
פון רויטן קרייץ.

3: משפט

א סעפּטעמבערדיקע מילדע זון לאַסטשעט
די קאַכלען אויף בית־מדרש דעכער,
דאָס גאָלד אויף די קאַשטשאָלן.

גויים שווענקען איבער די טראַטואַרן,
ווי יאַריד־צייט, אויסגעצירט אין פאַרבן,
באַרג־אַראָפּ
מיט דער פאַנסקאַ
פאַרביי די אַלייען,
דורך בלעטער־קופּעס און דורך ווינט,
דורך אַ זאַווערוכע פון קאָלירן,
צום ברייטן הויף פון יעזואיטן קלויסטער.

דאָרט הילכט אַ מיליטערישער אָרקעסטער.

הינטער ביימער טאַנצן דאַמען
מיט די לייטענאַנטן.
דער שופט זיצט אין שאָטן:
צעקנעפּלטער מונדיר,
גרויע באַקנבערד.
מען פירט פאַר אים די צוועלף אַפּאָסטאָלן.
זיי קומען פון אַ קעלער דורך אַ שווערער טיר,
פינטלען קעגן ליכט
און ניסן ווי די פערד.
מען שטעלט זיי מיט די פּלייצעס צו אַ ווייסער מויער.
מען פאַרבינדט זיי די אויגן און מען בינדט זיי די הענט,

מ׳פאַרקעמט זיי די האָר און מ׳צעכראַסטעט זיי דאָס העמד.
איינער פאַלט און שרייט אַ גרוס,
איינער דריגעט מיט אַ פוס,
און איינער וויגט זיך ווי אַ שכור
ביי דער וואַנט.

עס גייען פרישע יונגען דורך דער שווערער טיר,
די זון איז וואַרעם און דער טויט איז גיך.

4: לאַנדשאַפֿט מיט מיליטער

מ׳פּירט אַ שנײַ מיט דער גאַס,
עס בלענדן אַלע שויבן,
דעם צאַלמײַסטערס
בלאָנדער קאָפּ
צווישן בלאַנקע זעבלען

פּיקעס און שינעלן
בײַ דער שראַנק
און אויף דער בריק.
אַ סטאַדע קערט צוריק
אין הײסן שטויב.
הײזער ציטערן
פֿון נאָענטע האַרמאַטן.

פֿון ערגעצוואו אַ כאַפּטע
פֿרײלעכע סאָלדאַטן
מיט געוואַנטן, ברויטן,
שאָקאָלאַדן.

אַלע טירן זענען אָפֿן. אין
אַלע דירות שטײען־אײַן זעלנער,
פּוצן ביקסן אויף די פּריזבעס,
שפּילן קאָרטן אויף די שוועלן.

פֿרויען שלאָפֿן אין די קלײדער,
מאַמעס וואַכן איבער טעכטער,
די נאַכט איז טמא מיט קאַזאַרמעשן געלעכטער.

5: הינטערן פראָנט

צעטומלטע טעג און גיכע מנינים.
אינדערפריענדיקער האַנדל
אין האַלב-אָפענע קראָמען.
קינדער קלויבן קאַשטאַנען
און פּאַטראָנעס.
הינער רייסן זיך פון זעלנערשע
לאַפּעס,
און ציוויל-לייט גראָבן שאַנצן
פאַר די כאַטעס.

דער רום שרויפט-אָפּ
די קליאַמקעס פון די טירן,
קאָנפיסקירט די צלמים
און די כתרים.
טייסטערס זענען פול
מיט ווערטלאָזע פּאַפּירן.
מ'נעמט מענטשן פון געלעגער
און מ'ברענגט זיי ניט צוריק.
ווענט האָבן אויערן
און יעדער שאָטן איז אַ שפּיק.

מ'טרעט-אָפּ דעם מיליטער
די שטובן מיט די בעטן.
אין גרויסאַרטיקע סאַלאָנען
אויף פּלושענע דיוואַנען
לאַכן דינסטן אויף סאָלדאַטסקע שויבן
און צירן זיך
אין אָנגערויבטע גאַרדעראָבן.

6: אידיליע

דער טאָג איז גרוי ווי די פאַרב
פון טאַנקען. לאָדנס ווי גאַזמאַסקן
אויף די שטיבער. דער שאָסיי —
צעבראָכענע וועגענער און טיפע
גריבער. דריי יידן מיט טלית־זעק שאַרן
זיך הינטער די געשטעלן אויפן
מאַרק. אַ סאָלדאַט זיצט מיט די פיס
הינטער זיך און עסט ברויט מיט
מאַרמאַלאַד.

7: לאַנדשאַפֿט מיט מלחמה

אונדזער בלוט רינט אומעטיק דורך פֿרעמדע קאַנטן
אונטער אַ הייסער זון
וואָס שמעקט הינטיש
פֿאַרגאָסענע פֿעלזן.
שוואַרצאַפּלען בריט
דער בלענד פֿון טייכן, שויבן
און אַנדערע גלאַנציקע פֿלאַכן.
בלעטער פֿאַלן ווי קופּער.
ביימער שרייען
מיט פֿייגלשע
גאָרגלען.

אויף בערגלעך
פֿון אונטער צווייגן־קאַמאָפֿלאַזש
רייסט זיך דאָס הייסע האַווקען
פֿון מאַשינגעווערן.
דורשטיקע ביקס־
רערן
ניוכען
אין פֿאַרע
און שטויב.
רויכלעך טאַנצן־אום
ווי ווייסע מייז
אין אַ שטייג
פֿון פֿייער.

אַ וואָלקן אין פּאַניק פֿאַרפֿראַלט דעם לאָדן
אויף דער זון.
קוילן פֿליען
ווי פֿייגל אין מבול.

אַ קינד זעט

מײַן מאַמע בײַנאַכט אונטערװעגנס.
זי שמוגלט מאַכאָרקע אין בוזעם, אויף היפּטן.
אַ צײַט פֿון מרידה און הפקר,
סאָלדאַטן רײַסן עפּאָלעטן,
באַנען לויפֿן און שטעלן זיך
אָן השבון.
װאָקזאַלן מיט קולות, געפּעק און בהלה.
די מאַמע אַלײן צװישן מאַנסביל.

מײַן באָבע באַקט ברויט צום פֿאַרקויפֿן.
כ׳זע אברם פֿון אור כשדים
אַ באָרװעסן אין אויװן.
מען קלאַפּט אין טיר, מ׳רימעט מיט אַ שטאַבע.
אַ נאַכטיק קול רעדט גוי׳עשק.
ס׳ענטפֿערט ניט די באָבע
און פֿאַרציט דעם קנויט.

מײַן ברודער טראָגט קוישן פֿון מאַרק.
פּראָסטיקע פּאַרטאָגן. טעמפּע שאָסן
הילכן פֿון עקשטאַט.
די זון אײַלט זיך איבער פּלויטן.
דער טאָג איז צעשראָקן
און קלײן.

און אין פֿאַרנאַכט. אַ קינד פֿון אַ יאָר פֿינעף.
די סטאַדע לויפֿט מיט הערנער,
מיט שטויב און מרוקערײַ.

די פלויטן סקריפּען, ס'פּראַלן־אויף די טויערן.
דער פאַסטוך קומט צולעצט אין לאַנגן העמד.

שקיעה־וואָלקנס טורעמען זיך
ווי ווייטע ווילדע שטעט.
דאָרטן ערגעץ איז מיין טאַטע.

עמיגראַנטיש

מיין מאַמע פירט מיך איבער גאַסן
פון אַ גרויסער שטאָט.
סאַרפעדיקער זומערדיקער מיטנטאָג
רייצט מיט לעמאָנאַד, מיט באַרן
און מיט לאַדי.
פּלוצים — ווי אַ בליץ,
פינצטער — ווי אַ בוים אין שטורעם,
שטייגט־אויף אַ נעגער —
דער ערשטער אין מיין לעבן.
קינדער רעדלען גרויסע דינע רייפן.
גערטנער רוישן און טונקלען
הינטער שטאַכעטן.

די מאַמע איילט און האַלט מיך
ביי דער האַנט.
קלאַוויר־שפּיל טראָגט זיך
ווי אַ דינער ריח
צווישן פאַרהאַנגען און צווייגן.
טראַמווייען־קלאַנג
און עלעגאַנטע פערד
אויף אַלע ראָגן.

מיר גייען איבער פּאָסטן, איבער באַנקען,
נאָך פרעמדע מאַרקעס,
נאָכן טאַטנס געלטער.
מיין מאַמעס פּנים אין אַלע וויזע־עמטער.
פאַר בייזע פּליכעם און ביי שטרענגע טישן

שטופּט זי מיך פֿאַראויס,
ווי דעם מוט — אַ בעטלער.
מענטשן חתמ'ענען
זיגלען פֿאַטאַל
ווי גאָט,
ווי שיקזאַל.

פֿאַרנאַכט,
ווען פֿאַרבן־קולות פֿלייצן איבער שטאָט,
אויף אַ קילער, ווייטער גאַס —
מיין מאַמע מיט פֿאַרשוואַלענע פּיס,
מיין האַנט אין אירער
איז מיד.

מיט וויפֿיל יאָר צוריק?

יעדער זומער דערמאָנט מיר פֿונדאַסניי
די אַנגסטן־פֿריידן
פֿון אַ קליינעם ייד.

2. זקני ציון

תפילה פון אַ ייד אין די היינטיקע טעג

דריי יידישע אינגלעך שרייבן צו אַן אַלטן כינעזישן פּאָעט

ליד צו אַדאָלף, פריץ, עטצעטעראַ

קיינעמסלאַנד

היטלערס אַריינמאַרש קיין ווין

פּליטים-ליד

בריסקער יידן רעדן

צו אַ גוי'עשן חבר

צו אַ קריסטין

די תפילה פון אַ ייד אין די היינטיקע טעג

ר׳ לוי יצחק און די אַנדערע גרויסע פאַרגעבער
וואָס זענען אומגעגאַנגען אין מיין פאָלק
וואָלטן געבעטן ווי איך:

אָ, גאָט פון הייליקן גרימצאָרן!
זיי פוקד אויף די ניט־באַשניטענע אין אַשכנז.
קלייד זיך אָן אין די גבורות פון אונדזער לעגענדע.
פאַרקרענק זיי מיט דער קרענק וואָס מאַכט ראָסט פונ׳ם מאַרך
אין די ביינער,
זשאַווערט די קנאָכן און ברעכט די געלענקען,
און מאַכט דעם זכר בלוטיקן ווי ס׳איז גאַרניט די טבע פון אַ מאַן.
ווי מ׳וואַלגערט בלעך, טו וואַלגערן זייערע לייבער
אַז ס׳זאָל זיי פאַרגיין די תאוה
צו אונדזערע טעכטער און ווייבער.

אָ, שדי פון די מזוזות אויף אונדזערע טירן.
די פּנים׳ער פון אונדזערע קינדער
זענען פלעקן שרעק אין די פענצטער.
דער טאָג איז חוזק,
דער ווינט שפּייט אין יידישע בערד,
די זון איז אַ קליינע געלע לאַטע
צווישן וואָלקנס ווי די שטורם־אַרמייער.

די וואָס האָבן חלה גענומען און ליכט געבענטשט
האָט דייטשע גלוסטונג פאַרקלעקט
ווי שטיוול פרישן שניי.
אונדזערע בתולות האָט דייטשער שליידער אויף אייביק אָפּגעטעמפּט

דעם הויכן יונגען גאַנג
פון זייערע פּים.
עס קלעפּט צו זיי די הינטישע פּאַרע
פון פֿרישע זכרים.

זיי פּוקד אויף די זכרים פון אַשכנז, זיי זאָלן מער ניט ברענגען
זייער גלייכן אויף דער וועלט.

איבער האַמבורג און בערלין.
לאָז ניט דורך אַ שוועל.
פאַרגעס דאָס מיעוט גוטס, ווייל ס'איז גרוים דאָס בייז ביי זיי.
זיי גוזר אויף זייערע זכרים
ווי האָסט אַמאָל געטאָן צו די מצרי'שע בכורים.

דריי יידישע יינגלעך שרייבן צו
אַן אַלטן כינעזישן פּאָעט

לי־טאַי־פּע, דריי יידישע יינגלעך
לאָזן דיך גרוסן. זיי האָבן גערעדט
פון דיין ליד היינט ביי זונפארגאַנג
אויף די וואַרשעווער נאַלעווקעס.

אויסטערליש ליכט האָט געלאַסטשעט
די געזימסן פון חרוב׳ע שלעסער,
אַ פורמאַן האָט זיך געהוידעט אויף
דער קעלניע און סטודענטן האָבן
געשפּאַרט פון דער שענק־גאַס.
אַ יידענע האָט פאַרפּאַטשט די הענט
און זיך אַריינגעשאָטנט
אין אַ טויער.
ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער פויגל —
האָט צווישן צוויי מויערן
געפלאַטערט אַ באָרד.

צאַרטע שיין האָט געוואַרעמט
די געזימסן.
אַ ווייטע לבנה האָט געפינקלט
ווי אַ רייפל ביי אַ פּיראַט
אין אויער.

מסתמא איז די וויסל פול געווען
מיט אָוונטיקן רויש פון שטראָם און בלעטער.

די יינגלעך וואָלטן בלויז געוואָלט
דו זאָלסט צושרייבן צוויי שורות שרעק
צו דער שקיעה.

ליד צו אַדאָלף, פריץ, עטצעטעראַ

האָרבסט פאַרלייגט מיט בלעטער די אַלייען. קאַשטאַנען
פּלאַצן ווי שראַפּנעלן. פון לאַקירטע שטיוול
בלענדט אַ שפּעטע זון.
אויף שפּאַצירגענג רוישן האַקנקרייצן.

אונד איך בין יודע;
און גיי מיט אַפּשיי נאָך
דיין רויטן קאַרק —
דיין אַריער־הערב,
מיין שכן.
איצט אַז איך הים שוין הענאָך און געצל, זיי וויסן
אַז אַדאָלף, פריץ און נאָך אַזעלכע נעמען
זענען געוועזן
שפּיגלעך צו פאַרלאָקן
די זון פון דיין בטחון.

מיין שכן, באַהאַלט דיין פרוי ווילאַנג איך שפּאַן נאָך
אויף קורפירסטענדאַם. ווייל מיינע אויגן זענען ווילדע שענדער
פון דיין גרעטכען׳ס הויכן בוזעם און איר שווערן הינטן.

דער הימל רוישט מיט זון און קריעס.
ביימער גיסן זיך איבער מיט ווינט.
נאָר איך בין געפּאַר אַפילו אין די מילדע טעג
ווען ס׳בליט דער בעז און פייגל בויען נעסטן.

אַז איך טראַכט, רייב איך די באַקן און דעם קין
ווייל עס שפּראַצט נאָך אַלץ פון מיר

די באָרד פון תלמוד־יודע.
און איצט אין הארבסט
שטראַל איך מיט די רייפע דורות'דיקע פאַרבן
פון קאַבאַל־ריטואַלן.

אַ באַזונטע לאַנקע דערמאָנט דיך
אַן אויסגעשפּאַנט אומעטיק פערד,
קי וואָס ליגן זאַט מיט גאַווערדיקן פּיסק
און פולע אייטערס.
איך אָבער טראַכט פון יידן
אויפן גראָז ביים בית־מדרש.
ס'איז אויסנעמענס. ליכט שלאָגט אין די גרויסע פענצטער.
הינטער דער שויב פון עזרת נשים
בליפּען ווייבער אין די וויסטע תחינות.

די שרה'ס, די ברײַנטשעס, די אַנדערע נעמען
וואָס שטרייכער האָט מיר צוגעוואָרפן,
אָמן.

אין מיינע זינגענדיקע נעכט
האָט שטענדיק דין געשניטן
דער קילער, קלאָרער שופר.
מיינע מאכלים: ווילדע קרייטעכצער, כרפס און חרוסת,
נאָך פאַן דיזען יודען מאַזעס.
די פליישן — יויך און טשאָלנט.
פון געזונטער פרישער חזיר־פולקע
האָבן מיר אַלעמאָל געקערט די געדערים.
דער יודע איז פון אייביק
ביז די אינגעווייט פאַרדאָרבן.

ס'איז הארבסט? ביי אונדז הייסט עס אלול.
אַ גרויליקער נאָמען, ניכט וואהר? אַ חודש

ווען עס וואַקסט מיר אָן אַ לייבצודעקל, אַ קאַפּאַטע,
אַ געלע לאַטע,
עס שלאָגט פון מיר דער שוויים פון אַלע געטאָס,
און מיין בליק קוילעט אַרישע בכורים.

אָבער דו ביזט גוט, און נאָרדיש.
יודע פערעקע! ווארום דערמאָנט מיך
אַ צופעליק שוועבעלע דיינס,
מיין זיידנס שמע ישראל
אויפן שייטערהויפן?

קינעמסלאַנד

ערב־פּסח. יידן בענקען נאָכן ריח פון אַ פּאַרדינסטל,
נאָכן הייסן בלוטשלאַג פון פּרנסה־זאָרגן, נאָך
געאײלטן דאַוונען אין סוף־ווינטערדיקע מאָרגנס.
מען וויקלט זיך די פּיס, די העלדזער,
מען רעדט פון תּבואה און פון מקח
(ערגעץ אויף דער ברייטער וועלט).
מ׳איז אין זבאָנזשין.
צי אפשר דריי מייל הינטער באַזל.

אויף אַלע צווייגן בליט אַ גרינע שריפט.
די קלויסטערס קלינגען שוין מיט פּאַסכאַ.
אין שטעטלעך און אין כּרכים
פּאַרגרייט מען זיך מיט מצה.
פון וואָס טראַכטן שטאָטנלאָזע?

זיי שפּאַנען היסטעריש אונטער נאַקעטעביימער.
בליצן שניידן ווי חלה, די פּנים׳ער.
שניי־שטראָמען שטורעמען שטאָמען.
דער ווינט שיט אין די אויערן
דונער, געשרייען.
דאָס יאָר: ניינצן־ניין־און־דרייסיק.
די צייט איז פרילינג.
פון וואָס טראַכטן יידן?

דער הויקערדיקער רעכטסאַנוואַלט
ווישט ווירדיק די שייבלעך פון צוויקער.

דער סוחר האָט נאָך אַלץ אין טייסטער
וויזיט-קאַרטן.
שלאָפֿע הענט קלאַמערן זיך אָן די אָפּגעריסענע אנקערס
פֿון קליינע זאַכן.
ייִנגלעך און מיידלעך
בראָדזשען אין שניי.
דער פֿראָסט רייצט דאָס בלוט,
שטייפֿט די בריסט.
די לבנה — אַ זינדיקער פּלאַם
איבער די נאַכטיקע שפּאַצירן
אין קיינעמסלאַנד.

די מעת-לעת׳ן ציען זיך ווי אַ לאַנגע פֿאַרבאָטענע גרעניץ.
דער שלאָף איז אַ סקריפּנדיקער וואָגן
אין וואַלד, וואו יעדער שאָטן הילכט:
„ווער איז טאַ?" און יעדער שטערן
וואָרנט: „האַלט!"

היטלערס אַריינמאַרש קיין ווין

דער טאָג זשומעט מיט פרילינג,
גרילצט מיט עראָפּלאַנען.
טאַנקען מאַכן ציטערן די ערד.
הייל! זיג!

איך האָב פעטערס און מומעס אין צוויטן באַצירק.

די לעצטע שנייען קאַפּען פון די דעכער
אויף לעאָפּאָלדשטאַט.
דער רינשטאָק כלעפּטשעט-אויס
דאָס ערב-פּסח וואַסער.
פייגל טראָגן שטרויען ווי קרייצן
צו אַן אַלט גרויס פענצטער
פון דער שיף-שול.
יידן נעצן די פינגער ביים כיור.
אַ יונגער לערנער, מיט אַ שפּיגעלע
אויף דער גמרא, מוטשעט די
פרישטשעס פון פּנים.

טשאַד פון דייטשמעריש, תורה און האַנדל.
געסלעך מיט גראָטעסקן ליכט און שאָטן
זוכן דעם כתל מערבי.
ווי קאַפּירט פון אַלט - ירושלים.

און אויף יענער זייט דונאַי:
קאַפּעליעס אין אונטיקע גערטנער,

דאָקטוירים משומדים היילן אַלע מחלות
מיט אַ שטיקל קאַנדל-צוקער.

מיינע פעטערס און מומעס פון צוויטן באַצירק:
שטעכיקע בערד און ווייסע קראַגנס,
שווערע קעטעס אויף הויבע בוזעמס,
פלעגן ברענגען צו די ברעגעס פון סערעט
וואַגאָנען מיט פּראָוויאַנט,
דרשה-געשאַנק,
באָנבאָנעס פאַר די קינדער,
דעם בעז פון קייזערס גיטער.

די מומעס, ווי אינדיקעס מיט אויפגעשרויפטע העלדזער.
די פעטערס פלעגן גלעטן דאָס גלאָז טיי
מיט קלוגע הענט
און דערציילן פון מלך ירום הודו.
פראַים יאָסל, זאָל זיך דיין יידן-שנאה פאַר דיר מיען.
שוין דאמאָלס פלעגן הינטלעך פאַרהויבן אַ פיסל
ביי דיינע מאָנומענטן אין ווין,
נאָר דיינע יידן מעבר לים
האָבן ביז היינט ניט אויסגעקרעקט
דיין גוטן נאָמען.

איך האָב זיך געוואָלט פאַרקאָרקען ווי אַ פלאַש,
נאָר עס מאָנט דער שטאָס.

ווין — חלום-שטאָט פון גאַליצישע סטודענטן
מיט צוויקערס אויף דער נאָז,
און סוחרים׳לעך מיט צוגעשטיצטע בערד
און ברילן מיט גאָלדענע רעמלעך —
איצט וואַרפסטו צוריק אין פּנים
דאָס אויסגעטווישטע רענדל.

איצט איז דיין פרייטיק-צו-נאַכטס צערודערט
מיט פרילינג,
מיט יודע פערעקע,
מיט פרעמדע זעלנער,
מיטן צעשפּליטערטן קרישטאָל פון מיין
גאַליצישער לעגענדע.

פּליטים-ליד

ווינער שפּעט-נאָוועמבערדיקער אָוונט
מיט לאַמטערן-שיין דורך שניי,
מיט ווייסן נעפּל פון דונאַי,
מיט ראַסע-כתב אויף שויבן פון פאַרנער קאַפי.

פּלוצים׳דיקער ווינט אין צעפּראַלטער טיר.
שטיוול און געבייזער.
מ׳פרעגט אויף מיר.
גאַבעלע זין פון אַ נאַבעלער ראַסע,
ווי אַרויסגעשפּאַנט
פון רויכערדיקע פאַרבן און בראַנזענער ראַם —

שליידערער פון פלאַם
אונטערן שרייענדיקן אָדלער פון רוים,
וואַרפער פון שפּיז
ציער פון שווערד
אין נאָמען פון קרייץ
און הייליקן גייסט.
זיג! הייל!

שלאָגט-אוים אויף פּילדערדיקן מעש דעם גירוש מאַרש.
איך קום. ער
קומט.
פאַרשווענקט דעם שטראָז מיט שרייענדיקן, טראַמפּלענדיקן פּעבל.
רייט-אָן מיט זאָטלען און מיט שפּאָרן.
צינדט די סמאָלע-פעסער.
האַלט די פאַקלען הויך.
און הויבט די קינדער איבער קעפּ

זיי זאָלן זען
דאָס גרויסע דאָס
נס.

גיט יעדער בראַוונער האַנט —
אַ שטיין.

פאַלט צוריק און שפּאַלט אַ וועג.
פירט זיי דורך
די בלאָנדע
שילטנדיקע
הורן
צום צערעמאָניאַל פון שפּייען מיר אין פּנים.

זיי ניוכען און שמעקן און וואָיען ווי די הינט.
ער קומט.
ער
קומט.

אויף בלייכע טרעפּ
אין בלויען דרויסן,
די לופט איז שאַרף,
דער מאַנטל — דין.
איך. ער.
אהאספער.
לעסטערער און
פרעמדער.

נאַטס אייך דעם דלות פון צווייטן באַצירק,
נאַטס אייך דעם שליסל צום מלך אביונ׳ס טיר,
אבי לאָזט דעכען.
דער מינדסטער נאָגל,
די געפאַלנסטע האָר
פרעפּלען שעפּטשען
דעכען.

און דאָס ביישטידל אַ פּאָרש טאָן מיט דער האַנט
ווי דער זיידע כסדר ביים אַריבערגיין די שוועל.
וואונדערלעכער אַטאַוויזם.
ס'וואָגלען־מיט די אַמסטערדאַמער דרוקער
מיט שירצן אויף די לענדן
ווי ערשט פון ווערקשטאַט אַפּגעטראָטן,
מענדלסאָן — פון לעסינגס שאַך אַוועקגעריסן.
ווי צו תשליך גייען זיי צום וואָקזאַל.
ווי צו תשליך פליען שטיינער
איבער זיי.
אַדיע.
אונד גריסע גאָט.
עס גייט אויך אַ פּאָעט
מיט דייטשן „סיף" אין די יידישע ביינער,
מיט קירך'לעכער גאַל אין די לידער.

אייביק ווידער'קול אין סאָסנעדיקע אַלפּן.
מיט ווייַנאַכטס־גייסט שמעקט ווין.
טומל אויפן באַנהויף, געדרענג אין צוג.
די יודען
נאָך לובלין.

2

לאַנדשאַפּט אין ווייסן זאַווערוכעדיקן טשאַד.
די וואַגאָנען זענען אָפן.
מ'שניידט טרוקן ברויט,
מ'שיילט האַרטע אייער.
(קינדער פאַרגייען זיך אויפן קול.)
קאָרדאָווער, טאַלידעער,
גיט נאָר אַ דערציייל,
שאָקלט־אוים די מעשות
ווי שטערן פון די בערד.
די וואונדערלעכע יאַזדעס פון מיין שטאַם.

געגאַן צופוס.
געריטן אויף פערד.
אויף פאַרשוועכטע דעקן
געלעגן געשמידט.
אין יעדן האָפן געקלונגען מיטן חלפן־בייטל.
געגליט אין שטעט וואָס שרייען מיט ביינאַכטיקן פלאַם
ווי קאַמעטן.
שיקסעס דוויגען קאַנען פון דער פלומפ,
אין שנייַ וואַליען זיך הינט.
אַ סטאַנציע. אַ ישוב.
איר האָט דאָ אַ טייך, וואָס כדאי ער זאָל שמ'ען.
דער היינע, ער רעכנט אַ שבוש.
אַ קויש אייער פאַר אַ ליד,
און אַז ניט —
אַביסל גלות ביים לעבן,
אַ שייטער נאָכן טויט.

אין ווינטערדיקער וויסטעניש צלמים אויף קאַשטשאַלן,
בייזע גויים אויף וואָקזאַלן,
ס'איז אַלץ אַזוי ווייטיקדיק אייגן.

נאָר מיין הויך איז נאָך דאָ אויף דער שויב
פון אַ ווינער קאַפיי, מיין ליפּ איז נאָך דאָ
אויף אַ ווינער גלאָז טיי.
שיקט מיך אָפּ מיט טויזנט באַנען
אין געגראַטעטע וואַגאַנען.
דורך דער טראַכט פון אייערם אַ טאָכטער,
דורך דער זילב פון אייערם אַ ליד,
וועל איך אויפגיין פונדאַסניי
אין אייער מיט.
אהאספער, דער אייביקער
ייד.

בריסקער יידן רעדן

שוין לאַנג ווי מיר האָבן זיך
מיט מאַרקס און ראָטשילד ניט צונויפגעשריבן.
מיר זענען אָרימע קרובים און פשוט'ע יידן.
אונדזערע אויגן פלאַטערן איבערן שטעטלשן מאַרק,
ווי פעדערן פון צערויבטן בעטגעוואַנט,
זוכן אַ קונה אויף אַ מעטער וואַרע,
אויף אַ גלעזל קוואַס.

מיר זענען אויך פאַרוואַנדטע מיט יענע
וועמעס בית המקדש מ'האָט פאַרברענט,
נאָר אונדזער שולכל איז געווען אַ וואַכעדיקע חורבה
און דעם שטורקאַץ האָט צוגעלייגט
אַ פשוט'ער, שיכור'ער איוואַן.
און ווען אין וואַרשע האָט דערפון געהערט דער פּאַן,
וואָס פאַרזויפט די שטיוול פון אַלע איוואַנעס,
האָט ער זיך אויך ניט גענומען צום האַרץ.

מיר קלעטערן אויף לייטערס
מיט טשוועקעס צווישן די ציין,
און פאַרלאַטען די צעבראָכענע געשטעלן.
די זון איז נידעריק, וואַרעמט בערד
שינדל-דעכער און מעשענע זייגערוואַגן
אין טונקעלע פריצישע זאַלן.
אונדזערע טעכטער שיטן געלן זאַמד,
בינדן סטענגעס אין די האָר
און שטייען שוין ווידער אין שידוכים.

נאָך עטלעכע וואָכן, און ס'וועלן
זיך פאַרציען די שראַמען.

אַמאָל האָט דעם שטערן־צייכן
געטראָגן דער שלעגער,
און היינט — הבל.

ביי עמיצן וועלן נאָך יאָטערן וואונדן.
דער אלמנה׳ס טאָכטער
וועט זיך רייסן צום אָקריפּ
ביים אָנבליק פון אַ מאַנסביל.
און יאַנקל סטעלמאַך וועט שוין קיינמאָל ניט פאַרגעבן
דאָס פחדנות פון זיינע דעמבענע הענט.
יעדע שטאָט האָט דאָך אירע משוגעים.

די שקיעה איז פאַרב און אַ ניגון
און פאַרלאָקט שויבן און דעכער
און צעשלאָגענע יידן
אויף מאַטער־געלעגערס.

די שטאָט טונקלט קעגן נאַכטיקן הימל,
דראָעט, ווי איוואַנס פויסט,
פינצטערט — ווי זיין מוח.

צו אַ גוי׳עשן חבר

אַפילו אין דער ווייטסטער פרעמד טוט יעדע שקיעה דיר דערמאָנען
די קוואָקנדיקע הינער אויפן הויף, דאָס וואַרעמע הירזשען
אין די פאַרנאַכטיקע שטאַלן, דעם טאַטן מיט די שכנים
ביים דאָרפישן פלויט.

די נאַכט איז פאַרשריגן
מיט טויט
און ראַקעטן.
די סכנה איז נעענטער
ווי דער אָטעם.
אין די שאַנצן זענען מיר ברידער.
נאָר אַז די אויגן וועלן נעמען ניכטערן
נאָך אַלע קריגן
וועסטו מעסטן,
ווי דיין טאַטע — דאָס מאָרג פעלד,
מיט די שטיוול,
לויט דער אייל —
א טייך
א וואלד
א בריק —
די פעסטע גרעניץ
פון דיין פאַלן
און דיין זיג.

איך, וואָס אַנגעסט מיט דיר אין אַלע הייסע שלאַכטן,
ניט אויף דער מאַפּע איז מיין ציל,
נאָר אין געדאַכטן.
איך שטאַם פון לאָמען יעקב
וואָס האָט געראַנגלט מיט חלומות

און אויסגעזויגט אַ מום.

אין שײַטערשײַן פֿון שרעק
זע איך די אויגנווײַסלען
פֿון דײַן בענקען.
דאָס שוואַרצאַפּל
פּיקסירט,
ווי אַ ברונעם,
די הײמישע קוימענס און טירן,
דעם טײַך און די פּאַשע,
דעם געשמאַקן טשאַד איבער די גיטער פֿאַרנאַכט,
פּונקט ווי דאַן
ווען ביזט אויפֿן בעסטן פֿערד
אָפּגעריטן צו דער שלאַכט.

ווי אַ לאַנדשאַפֿט אין אַ ראַם
ביזטו מיט דעם
אויף וואָס דו הויבסט דײַן פֿויסט,
חבר מײַנער פֿונם ערל-שטאַם.

פּלוצים סמ'ט די בענקשאַפֿט מיר דאָס בלוט.
לאָז מיך זײַן אַ שאָטן אויפֿן בילד.
שענק די הײמישקײט פֿון ראַם.
דאָס בין איך, פֿון דער דינאַסטיע
פֿון הײליקן לאַם.

צו אַ קריסטין

די לופֿט איז קלאָר. דאָס מעבל שטיל.
מײַן האַנט, ווי אַ פֿאַרבענקטער פֿויגל
איבער דײַנע בריסט.

איך רייד צו דיר פֿאַרטרויטע רייד.
איך בין אַ ייִד.
(די שטוב איז אומרואיק
מיט אָטעם
און מיט פֿעלנשאָרך.)

מײַנע פּיאַטעם בלוטיקן פֿונ׳סניי
אויף גלאָז־שפּליטער פֿון דורות.
(קרײַציקן איז גראָד
ניט אונדזער געביט.
צי קאָנען דען סוחרים
אַ טשוואָק אַרײַנשלאָגן?)

די ראשונים:
בעבער־אונטערוואַרפֿער,
צעפּליקער פֿון זײַדענעם העמדל,
רויבער פֿון תּרפֿים.

מײַן גוף —
גנבֿה.
קינבאַקן פֿון אַ מאָנגאָל.
עשׂו׳ס קול.
נאָר די הענט, אוי די הענט זענען יעקבֿ׳ס
אַ פּראָשעניע אויסצושטעלן.

שטאָם-געדענקענישן, ווי עשר מכות,
פּייניקן די חושים.
איבער מיין ווינטער שרייען נאָך אַלץ
גאַליצישע סאָוועס,
מאָנען דער באָבעס
שבת-בראשית׳דיקע שיסל מיט רייז.
פּורים-צייט אַז ס׳לויפן-אָפּ די שנייען,
טופּען אין מיין בענקשאַפט טומלענדיקע יידן
מיט שופליעס, בעזימער און פּיקעס
פאַר די טאַרנאָפּאָלער שוועלן.
דער סערעט רעוועט
ווי צום שלאַכטהויז,
פון געזימסן לויכטן
סטראָמפּעס
ווי קרישטאָלן.

וויפל צייט אָוועקגעהאַקט ווי אייז, אָוועקגעקערט
ווי ברודיק וואַסער?

און דאָס בינדט זיך
(פאַרוואָס?)
מיט קינדער — פילדערדיקע
געצנדינער
אין ניויאָרקיש-פּאַרנאַכטיקן פּאַרק.
דער באַלן פליט ווי אַ סימבאַל
אין טונקעלער לופט.
שקיעה׳דיקע שויבן אין פאַרהויכטע שטאָקן
דערמאָנען קנויטן-טשאַד און פאַרכטיקע קאַפּאָטעס,
יאָמערלעכע יעלה׳ס אין אַ דושנער קלויז.

נאָגנדיקע יעלה׳ס פון גערשווינס סאַקסאָפאָן.

דורך די „סיינט לואיס בלוס"
זוכט יעקב רחל׳ס לענדן,
אברם גייט ווי אין געשפּאַן נאָך הגר׳ס שווערן גאַנג,
און אַ יונגע מוטער ברענט ווי דער סנה
אין אַ וויסטער גלוסטיקער נאַכט,
צווישן איר און איר מאַן —
אַ ים און אַ שלאַכט.

אַט דאָס זענען זיי:
די אבות,
די עמיגראַנטישע אמהות,
שרייען פון מגילות און הגדות,
קלאָגן יידיש אויף אַיעדן לשון.

גוי׳עש פּרויענצימער:
היט זיך פאַר די מאַנסביל
פון אַט יענעם שטאַם
וואָס ווי נאָר אַ הונגער
צוט ער אָפּ פון כנען.

3. פּסיכאָ־אַנאַליז

ייִד זיס אָפּנהיימער אויף זיין ערשטן באַזוך
בײַ פּראָפעסאָר זיגמונד פרויד
ייִד זיס דערציילט וועגן זיי און וועגן זיך
בריוו צו זיגמונד פרויד
זיגמונד פרויד צו צוויי און אַכציק יאָר
ווילהעלם שטעקעל זאָגט זיך אָפּ פון לעבן
צו דריי

ייד זיס אַפּנהיימער אויף זיין ערשטן באַזוך
ביי פּראָפעסאָר זיגמונד פרויד

דאָס ביזטו — דער אייביקער ייד.
פון עשו'ס וויגליד, פון ערל'ס לעגענדע.
און איך בין דיין פלימעניק — ייד זיס אַפּנהיימער.
ווייט־זעער, קלאָר־זעער, דורכזעער,
ווערסט מסתמא זאָגן אַז איך — בין גאָרניט איך,
אַז דער וואָס גלוסט צו בעלער און צו שיקסעס
איז ניט — ייד זיס.

איך בין איצט די שפּיגלפלאַך פון טייך.
פאַרשלאָפט אין קוסטע־ברעגן.
פון מיר צינגלען קוואַלן,
פּייטש־פלאַנצן און ווערים.

מיין יחוס: הענדלער מיט ווייץ און גערשטן
וואָס פלעגן גנב'יש אונטערלייגן
שווערגעוויכט אויף וואָגן.
כ'וויים פאַרוואָס.
נאָר ווילסט נישט משפּט'ן וואָס גוט און שלעכט איז.
ווילסט דערקאָנען.

לערנער וואָס האָבן זיך אַרומגעצוימט מיט שטעכיק דראָט,
און, ווי אויפן שפּאַציר־הויף — אַרעסטאַנטן,
מיט געפּענטעטע טריט
געהיפּעט אין אַ קרייז פון לאו'ן.
מיטנטאָג. זון האָט געסאַרפּעט די אויגן.

חונפים: געטראָגן די ספר תורה
אין פּראָצעסיעס צום בישאָף,
געקעמט דעם שטויב מיט די בערד,
און צוריקגעגאַנגען הינטערוויילאכס
מיטן פּנים — צו אים וואָס טראָגט דעם צלם.

זיי אַלע — מילדע שאַטנמענטשן,
פונם גמזו־שטאַם.

און איך בין גמזו׳ס איינִיקל.
ער איז געווען אַ שעמעוודיקער ייד
און איצט צינדט ער מרידות אין מיין חלום,
נוצט מיין קול פאַר זיינע לעסטער־רייד,
וויל אויפמאָנען דאָס שייטלפלייש.

אין בלויע שעה׳ן מיט אַ גוי׳עשער טאָכטער,
כישוף׳ט ער מיר אוים מיין פאַרגוואַלטיקטע שוועסטער,
(קעשענעוו, פּראָסקוראָוו, בריסק)
און מיינע גלידער רייסן זיך צום שענדן.

מיך שרעקט די ניט־דערזאָגטע זילב,
דאָס וואָס כ׳האָב ניט געאָנט.

ס׳פּרעסט מיך דער חלום, ווי דער ים — די יבשה.
קלאָרזעער, דורכזעער,
נעם מיך ווי גרויפּן אין פויסט,
ווי אַן איי קעגן ליכט.

מ׳זאָגט אויף דיר אַז ביינאַכט
מישסטו קרייטעכצער אין אָקריפּ.
דאָס ביזטו — דער אייביקער ייד.
איך בין ייד זים אָפּנהיימער,
דיין פּלימעניק.
איש גמזו איז געווען מיין זיידע.

טייטשער פון חלומות.
צי פון מיר אַ זאַנג. פאַרזוך מיך
ווי גערשטן אויף יאַרידן.

ייִד זים דערציילט וועגן זיי און וועגן זיך

צייט פון קופּערזון, פון הייסן וועלקן.
מיין פּלייצע בענקט שוין ווידער נאָכן קרייץ,
די פּיאַטעס און די דלאָניעס עפענען זיך
ווי קנאָספּן.

כ׳בין ייִד זים.
אַ שניידער מיט אַן עלעגאַנטער טאַליע.
כ׳צאַפּ גלעזער סאָדע־וואַסער אויף אַ זייטיק געסל.
כ׳שרייב ניגונים
פון פרייד גרויל בענקשאַפט
ווי די געלע לבנה
אין ניו יאָרקער האַפן.

כ׳עס, טרינק, באַנעם ריחות, קולות, נוץ
זייער וואָג און צענטימעטער.

ס׳רוישן די שפּאַצירן. אומצוטרוי גרייפט מיך
פּלוצים אָן, ווי וועטער־טויש.
צווישן די ציין קנאַקן זיי ניט יאָדערן,
נאָר טשוועקלעך. מיין אַקסל נעמט זיך שמוגלען,
ס׳פינטלט דאָס אויג און כ׳פיל דעם קויטיקן שטראָם
וואָס האָט מיך אַרויסגעכוואַליעט
ביי גאָלגאָטאַ.

דער מינדסטער שנאה־בליק שטויסט מיך אויף שטאָלצן.

מיין קול שטעלט זיך נביאיש.
די ווערטער רייטן נאַשפּיץ מיט רעטאָריק.
כ׳זוך אין די קנייטשן אויף מיין פּנים —
די קליינשריפט פון רמב״ם, די קלאָרשריפט
פון אַמסטערדאַמער שלייפער.
כ׳זוך מופתים אויפן אייגענעם שטערן.

ס'איז הארבסט, מיט פארבן און מיט זעט.
זייערע פרויען בליאסקען ווי די סערפן.
און לייגן זיך ווי תבואה.
יעדע איז פוטיפר'ס ווייב. ווי יוסף
היט איך מיינע יונגע פאָלעס.
כ'פארשטעל די גראָבע יידישע ליפן,
כ'צי איין די לייצעס פון מיין יידישער
מענטשלעכער גלוסטונג,
און טאפ מיט פארצווייפלטע הענט דאָס לייב
צי ס'שפראָצן ניט פון מיר די עקן
און די הערנער
פון דער ייד-לעגענדע.

כ'בין אַ שניידער, צאפ סאָדע-וואסער,
שרייב ניגונים, און צי צוריק מיין יחוס
ביז אַ טרערנדיקער באָבען.
אָבער וואָס האָבן זיי מיר אָנגעדולט,
אריינגעליארעמט
וועגן אָנקער מיט ישו-קרייציקער
און זקני ציון?

וואו איז מיין סוף? און וואו בראשית
פון לעגענדע?
מיין פלייצע פילט זיך ניט היימיש
מיט אַ שטול און זוכט דוקא
אַ קרייץ.
צווישן די ציין האלט איך טשוועקלעך
גלייך ווי זיי.

דאָס בין איך, פארוואָרצלט אין אַלץ
און אין גאָרניט.
ייד זים.
אנדרוגינוס.

בריוו צו זיגמונד פרויד

ווי איז געווען דאָס וועטער יענעם טאָג ?
מיט וויפיל פאַרבן האָט געברענט די שקיעה ?
אין ווין צי אין פּאַריז,
האָבן אין דיר אויפגעבליצט
די עשה׳ס און די לאו׳ן
פון דיין פּסיכאָ־אַנאַליז ?

אַ שמאָלע גאַס. ווי דורך אַ ליקע
האָט די זון געקאַפּעט.
פּלוצים — צעפלאַשעטע פערד
הינטער דיר.
ביזט געלאָפן און אויסגעזען גראָטעסק.
אַזוי האָט אויך געדאַנק
אָנגעפלוצימט אויף דיר.

און אפשר גאָר ביי זיך אין צימער ?
די אויגן האָבן געמידט. קינדער האָבן געשריען
אונטער די פענצטער. אַ קאַטערינטשיק האָט
געצאַפּט אַ פאָלקסליד.
דער טאָג איז געווען כמאַרנע און היים,
מיט לאַנגווייל און דערוואַרטונג.

וואָס׳ער ניגון האָט זיך דיר געפלאָנטערט
יענעם אינדערפרי ? טי־דאַם, דאַם־דאַם, טי־דאַם.
האָט די זייף דיר געביסן די אויגן ?

און ווי האָט זיך דיר אויסגעקעמט דער שרינט ?
האָסט פאַרגעסן צו באַצאָלן דעם קאָנדוקטאָר.
האָסט אים איבערגעצאָלט.

האָסט געגלעט קליינוואָרג איבער די קעפּלעך,
מיט איבעררעשטע אויגן אַ פּאָרש געטאָן דעם הימל,
ווי אַ ציפּערבלאַט,
און ווייטער געשפּאַנט ווי אַ חסר־דעה.

וואָס האָט זיך דיר גע׳חלומ׳ט יענעם פאַרטאָג?
פליגן האָבן געזשומעט אַרום נעץ פון דיין שלאָף.
די קעלט האָט פאַרשראָקן די קאָלדרע.
פליגן האָבן דיך געקושט ווי צוקער.
דיין ברודער האָט זיך געפּאָרט מיט אַן אָדלער.

און וואָס האָסטו געטראַכט האַלטנדיק
דיין מאַמעס טויטע האַנט?
(אויף דיין שוועסטערס אַקסל האָט געצוקט געוויין.)
צי האָסטו געטרערט ביי איר בערגל,
ווי יעדער נאָך זיין מאַמען,
זעער פונם עדיפּוס קאָמפּלעקס?

אין וויפלטן דור צוריקוועגס האָסטו דערפילט
דעם דופק פון דיינע נסיונות?
וויפיל תפיסות האָבן דיינע זיידעס געטראָגן
אין לייב? וויפיל פרעמדע לוסטן האָבן קעבינס פון
דיין שטאַם אריינגעהעשעט אין די תחינות?

זאָג, ווי ביסטו דערגאַנגען צו דער רגע
וואָס האָט געפליוכעט איבער דיר
ווי אַ רעגן פון זוניקן הימל?

דיינע פיס, קליין ווי ביי אַ פרוי.
קנעפּלסט הויך דאָס רעקל.
דאָס פנים — עקשנות און שטיין.

דיינס־גלייכן קומט מיט אויסטערלישע סחורות
אויף פרעמדע יאַרידן, פּרוווט־אוים אויף די
אייגענע חושים דאָס גראָז, דאָס וואַסער און די לופט
פון נייע קאָנטינענטן.

אַזאַ ווי דו שטאַרבט אויפן קרייץ
און שרייט אַז ער איז אייביק.

זיגמונד פרויד צו צוויי און אַכציק יאָר

פייגל שרייען מיט דער מאַמעס קול.
דער טאַטע וואַרפט זיך פאַר די רעדער.
דעם יינגל קריכט אַ זשאַבע פון די האָר.
געדענקסט דעם חלום פונם קליינעם זיגמונד?

איצט צו צוויי און אַכציק יאָר
איז זיין נאַכט טרוקען און קלאָר
און סקריפּעט מיט שטילקייט.
דער שלאָף אויסגעלייטערט.
די קאָמפּלעקסן אויסגערויכערט.

יעדע מורא צוגעקייטלט.
יעדער פּחד צוגעריגלט.

נאָר אין רינוועס פון נאַכטיקן רועו
רוישט די שרעק פאַרן טויט.
ווי פייגל-פלי, ווי ווינט אין ביימער
האָבן אַלע זי באַנומען,
פּאַטריאַרכן, קריגער און קדושים.
דער בלינדער יצחק האָט אַפילו שרה'ן ניט געטרויט,
דער זקן יעקב האָט קלוג גערעדט,
און אַלט געטרערט,
געוואָלט אויפלעבן אָן אַלטע דיך
מיט יוסף'ס יונגער האַנט.

ס'איז ניט דער טויט. אים דרייסט נאָכצוגיין
האָט ער שוין לאַנג
מיט קופּער צוגעפּעסטיקט
די שלעסער פון די קני.

ס'איז עפּעס אַנדערש, און גלייך אַזוי אַלט.
ביי טאָג האָט ער אַרויסגעקוקט פון פענצטער,

געזען די סאַלוטירנדיקע הענט.
דעם האַקנקרייץ. געשמעקט מיט קלוגער נאָז
דאָס אַלטע בייזע בלוט
אין יונגע אַריער־שקצים.

שקצים. אויף עברית־יאַדיש־יידיש האָבן די
נאָך וועמען ר׳איז אַ נאָמען
דאָס וואָרט געקייט ווי מצה, געקנאָטן ווי חלה, געפלאָכטן ווי
הבדלה —

ערל. עשו. גוי.

ער האָט, ווי אדם די חיות, אַלע בייזקייטן גענאָמענט,
געשריבן אַן אייגענעם רש״י
אויף קין - הבל און עקדת יצחק.
נאָר ווי דעם פאַטריאַרך — דעם זונס הייסער פאַנג,
שמעקט אים איצט דאָס פּראָסטע עברי־טייטש:
ערל. עשו. גוי.

די רינוועס פון נאַכטיקן רוען רוישן מיט רעגן.
די ביימער מורמלען מיט פאַרטאָג.
מורא? וואָס איז מורא?
איין מצרי פלעט דעם צוויטן און פאַרשאַרט אים אין זאַמד.
נאָר עקיבאָ׳ס מוט, רייף ווי סעדער אין שפּעטזומער,
באַוועלטיקט זיך,
דעם שייטער און דעם עשאַפאָט,
קניפּט־אָן דאָס גאַנצע וועזן
אַן פליגל פון יידישן אות.

באַצווינגען זיך איז מער
ווי שאַרקאָ׳ס היפּנאָז.

זיגמונד פרויד צו צוויי און אַכציק יאָר
קלעטערט פון די האַקנקרייצן, חזר׳ט:
המן. ערל. עשו. גוי.

ווילהעלם שטעקעל זאָגט זיך אָפּ פון לעבן

די וואָס האָבן ווי צעווילדעטע ביקעס אין שטויביקן פּאַניק
פאַרקערט אָן אַ זייט, זיך געריסן אויף צוריק
איז ער פאַרלאָפן דעם וועג און מיט פּאַכנדיקע שטריק
צוריק אַריינגעשמיסן אין דער סטאַדע.
אין פאַרנאַכטיקן צוריקקער פון דער פּאַשע
אין לאַנגען העמד צווישן שטומע צינגער
איז ער געווען אַ בייטש איבער צעבונטעוועטע הערנער,
אַ צאַרטע האַנט אויף פייכטע פרייכנדיקע פעלן,
אַ פּאַסטוך און אַ היילער.

נאָר וואָס האָט זיינע אויגן צעמישט אויפן באַרג־אַראָפּ,
אים צעשראָקן ווי אַ שאָף,
ער זאָל זיך טאָן אַ לאָז
איבער קוסט און שטיין,
איבער דראָט,
איבער צאָם נאָך צאָם,
מיט צעקאַליעטשעטע קלאָען אַריבערן לעצטן פאַרקאָן?
די דעפּעש האָט אָנגעזאָגט:
שטעקעל, ווילהעלם, מ. ד.,
מאָרד
דורך אייגענער האַנט.

זיין צוגעוואוינטער גאַנג איז געוועזן איבער הויפן
און בנינים פון שפּיטאָל, דער ריח פון בעז שטענדיק געווירצט
מיט קאַרבאָל. אַ ווילד האַלב־געשריי
הינטער גראַטעס
אין אַ שטילן ווייסן קאָרידאָר.
אין יעדען וואָרט אויף מענטשנס ליפּ
האָט ער ווי פרויד

געזען אַ בריק
אויף לויפֿן אַהער
אויף לויפֿן צוריק,
באַשאַף און פֿאַרניכט,
די זינד
און די שטראַף,
דעם יעגער
וואָס יעגער׳ט אויף זיך,
די וואונד
און די היילונג.

אין יעדן גענעצדיקן שענקער הינטער דער שראַנק,
אין יעדן הכנעה׳דיקן פּנים ביים שייבל אין באַנק,
געזען אַ מידן באָנאַפּאַרט
אויף אַן אומעטיק פֿערד
ביי וואָטערלו פֿאַרנאַכט.
ס׳טראָגט יעדער ווען אין זיך זיין געפֿאַנגענשאַפֿט,
די בראַנד און שאַנד פֿון אַ פֿאַרלוירענער שלאַכט.

ביי די טישלעך אויפֿן טראָטואַר, אין שפּאַציר-
שטראָם אויפֿן בולוואַר, האָט זיין אויג
מיט צער אויסגעטיילט פּנים׳ער ווי צעשמעטערטע
צען געבאָט, לויט אַ פּינטל און גרימאַס
דערקאָנט ווער ס׳איז אונטערן סיני
געווען.

ער האָט געוואוסט און געזאָגט: צו רו דער וועג
איז אָפּט צוריק, דורך עגל און מן, ים-סוף
און פֿלייש-טעפּ, צייכנס אויף טירן און טויט
פֿון בכורים, צו פֿינגער וואָס וויטיקט
אויף קוילן און קילט זיך
אויף צונג, צו אַלערשטן שטאַמל.

ער האָט אין יעדן גוף דערשנאַפּט יעקבֿ'ס
צעקריגטע שטיבער, געלאָקערט אויפן
קראַנקנס חלום און געזוכט אין אים דעם
גרוב וואו יוסף ליגט געבונדן, בנימינ'ס
זאַק מיטן פרעמדן בעכער, אין יעדער וויג דערשפּירט
דעם דעספּאָט וואָס וויל צווישן סנאָפּעס
זיין אַן אויסגעטיילטער סנאָפּ.

גוט געדענקט
די פאַרדאַכטן און קללות
פון יעדן פּאַציענט.
(וואָס גרינטלעכער דאָס היילן
איז שאַרפער דער האַס.)
אָבער די גורל־שריפט אויף דער וואַנט
האָט אָט דעם ייד
(ווילהעלם שטעקעל,
מ. ד.,
פלעגט שפּאַצירן אויפן פּראַטער, לייענען „די נויע פרייע פּרעסע",
טרינקען קאַווע מיט דריי שטיקלעך צוקער)
אָנגעצייכנט ער זאָל זיין
אַ היילער, אַן אָפּשפּרעכער פון
אַנגסט, אַן אָפּטרייבער
פון מורא.
האָט דער קלאָר־פאַרשטייער
פאַרבלאָנדזשעט אין גאַנג
צווישן טיר און בעט,
זוכנדיק דעם לאָמפּ־שנור
צו באַלייכטן זיין אייגענע שרעק?

ניין. דער אַלטער אָפּשפּרעכער איז פּשוט
געווען מיד. געזען —

דער פיבער שטייגט.
דער טערמאָמעטער פּלאַצט.
בונט אין דער געפּערלעכסטער פּלאַטע.
דער וואַנזין שפּרינגט
פון יאַק.

יודנצייכן, געטאָ־דראָט, און העַנקעלס
איבער לאָנדאָן־בריק.
(ער האָט געשטעלט דעם דיאַגנאָז
נאָך לאַנג צוריק.)

צערייצטער המון אין אַ פאַקל־פּאַראַד.
דער פאַרשוין
ביים מיקראָפאָן
קווייטשעט:
כ'האָב מאַכט!
(קליניש־באַקאַנט. שרעק פון מאַקבעט
פאַר באַוועגלעכע שאָטנס אויף אַ פינצ־
טערער וואַנט.)

ווילהעלם שטעקעל
איבער זיבעציק
און מיד
(די יאָרן סקריפּען
ווי אַן אַלטער דיל)
טראַכט:
צייט צו מאַכן נאַכט.
איין ייד
אויפן קרייז
איז גענוג.

צו דריי

אַדלער.
שטעקעל.
פרויד.

אַפילו די שוועל
האָט ניט געמערקט אייער אָפּפּלי
אין דער פייערדיקער קאָטש
פון אַן אות.
אין אייערע קאַבינעטן איז געווען
אַ געוויינטלעכער חצות.
אויפן טיש האָט ווי שטענדיק
געפינטלט אַ קנויט.
די טעקע אויפגעמישט צו אַ ניי בלאַט.
די פעדער,
ווי אַלעמאָל,
פייכט.

אָבער אינדרויסן איז די שרעק געווען ווי בלוט.
דונערן האָבן געשריען ווי פרעמדע פייגל
אויף יענער זייט באַרג. בליצן האָבן
געפלאַקערט ווי ראש חודש פייערן
אויף אַ קאַלטער
פעלזיקער הויך.
אָ, זעער —
וואו זענט איר אַפּגעלאָפן מיט די שלאַקסן
אין דער ליאַרעמדיקער נאַכט?

ווי אָפּגעזוכטע קעץ האָבן מיר זיך צוריקגעשאַרט
צו די פריזבעס פון די אַלטע שרעקן,

דערהערט ערגעץ אין אונדז —
ווי אויף אַ שמאָלער פּאַרנאַכטיקער גאַס —
דאָס ראַשיקע שלימן
פון לאָדנס, ריגלען און שטאַבעס,
דערשפּירט אַז עס בלאָזט אַ לאַנגע דאָרפישע וויינאַכט
מיט געפּאַקטע צערקוועס און צאָרנדיקע שענקען,
און פון מורא געמינטערט
דעם אָפּשפּרעך־זשאַרגאָן
פון אונדזערע באָבעס.

וואו איז דער שנעלוועג
צו חלום   צו וואָר ?
דער טייך איז אַריבער די ברעגעס.
די בריק איז אַוועק מיטן טייך.
די סימבאָלן צעמישט
ווי פאַררעגנטע
שריפט.

דער הימל סלונעט פּאַראַשוטן
איבער זון־פאַרשווענקטע אויסגעקערטע גאַסן.
טאַנקען בראָמטשען (ווי ברויט)
טורעמער און מויערן.
שטוקאַס טראָגן זיך אויף יאַגד איבער דעכער.
באָמבעס, ווי שטובהינט, לויפן נאָך
אַ בלאָנד קינד איבער בייטן אין אַ גאָרטן
צווישן וויס־געשירצטע באָנעס, וואַסער־
שטיינער, עפּלביימער.

גערינג.
היטלער.
פּעטען.
זענען דאָס ווערטער פון אייער שרעק־לעקסיקאָן ?

וואָס באַדייט אַ דינע וואַנצע איבער אַ שמאָל מויל?
וואָס באַדייט דער קרומקרייץ אויפן אייפל־טורעם?
וואָס?

אין וואַלד, דער באַגין ווי אַ דעקרעט:
געשטאַפּאָ.
אָנמעלדונג
דען
יו־
דען,
עט־
צעט . . .
געהויקערטע יידישע זקנים פּעשפּעטען זיך
איבער די אייגענע בערד, זוכן מיט בלינדע
פאַרצאַפּלטע הענט מזוזות אויף די ביימער
אין אַ קיינעמסלאַנד.

וואָר צי סימבאָל?

איר זענט אַרוים און געלאָזט צעפּראַלט די טירן.
דער ווינט האָט צעבלאָזן פון אייערע טישן
די באַשריבענע פּאַפּירן.
זענט איר אַוועק, ווייל אויך אייערע קני האָבן געציטערט
פון וואויל־באַקאַנטער יודנשרעק, ווען איר האָט דערזען
דעם פלאַם פון ברענענדיקע שטעט
אויף אייער שכנ׳ס באַיאָנעט?

און ווער האָט אייך געגעבן אויסרייז־שיינען?
פאָדערט מען אויך דאָרט דעם „יאָד”?

אַדלער.
שטעקעל.
פרויד.

דריימאַל „יאָד"
אונד דריימאַל יודע.

אַ, מייסטער פון היילן און רכילות.
איזט עס וואהר,
זאגט,
אַז דער הער ריבענטראָפּ
אונד דער הער גאָט
האָבן אַ פּאַקט
אונד אַז די מאַגדאַלען
(לופּעסקו
פון נוצרת)
מוס גיין?

(די בלעטלעך פון נייעם טעסטאַמענט
בליפּען ביים משומד אין די הענט.)

פּ. ס. ווי גייטס דאָרט מיט דייטשן לעבנסראום?

4. פּאָרטרעטן

הערשל גרינשפּאַן פֿאַרן אַטענטאַט
בענעש
י. ל. פּ. פֿאַרלאָזט דעם גן-עדן און קומט
צוגאַסט צו זײַנע קינדס-קינדער

הערשל גרינשפּאַן פּאַרן אַטענטאַט

גלותדיק יינגל. אַן וויזאַ, אַן פּאַס.
ווי קומט דאָס טויטנדיקע שטאָל
צו דיר אין טאַש?
דיין טראָט   אַן טאַקט
ווי דיין דופק,
ווי דיין האַרץ,
ווי דאָס איבערגעריסענע שטעפּן
אין פּעטערס ווערקשטאַט
ווען פּאָליציי וואַקסט-אויס
אויף דער שוועל
און רעכטלאָזע שניידערשע אַקסלען
רינען-אויס דורך
אַ הינטער-
טיר.

ס'טאָגט אין נאָענטע פענצטער
און אויף ווייטע קאַרניזן.
ריח פון געבעקסן
צעפּראַלט דעם זכרון,
און ווי שאָף אין טויערן
גייען-אויף בערד און של-ראש'ן
אין שויבן
פון באַנען.
רציחה'דיקע שטיוול
פון דייטשע קאָנדוקטאָרן.
סטאַנציעס רוישן מיט טרפות.

דיינע פינגער פלעכטן סוואַסטיקאַס.
דיין לאָק איז ווי אַ בלוט-קנופּ

אויפן שטערן.

קריעס קראַכן אין
זכרון.
דיין בלוט שלאָגט אין ווילדע שטראָמען,
רייסט־מיט דאָס געשטאַלט
פון אַ תחינה׳דיקער מאַמען
אויף באַזונטע טרעפּלעך
פון אַ פּראַכט־וואַגאָן
אין מיטן פעלד,

אַ פּאַק בעטגעוואַנט, אַן אָפּגעראַטעוועטן
לייכטער.

פייגל שרייען איבער קיינעמס לאַנד.
נויט שרייבט לאַנגע גרויע רייען, ווי מיט רויך־שריפט,
פאַר די וויזא־עמטער.

נאָגסט דאָס ציגאַרעטל ווי אַגרעס.
די האָר — פּאַניק.
די אויגן בריען ווי פון שמעלצנדיקן חלב.
פון די טיפן שטייגט אַרויס דעם טאַטנס קאָפּ,
דער דאַרער האַלדז, די לאַנגע באָרד,
דאָס בית־מדרש מיט די הייזעריקע אינדערפריענדיקע רייד,
דער אָפּגעריבענער לא תרצח אויף די לוחות.

דיין יעדער טראָט — איז שפּאָט
פון שוועל.
וואו פירט דיין גאַנג דורך בולוואַר סאַן מישעל?
(אין אַ גרויען טאָג
האָט דאָ געדרויכערט קאַלטער שטאָל
אין שוואַרצבאָרדס הייסער האַנט.)

דיין האַרץ איז איצט אַ ווילדער אָדלער
אויף אַ פעלז.
פֿאָם ראַט
איז נאָך אַפילו ניט באַגריף.
דריי קוילן וואַרטן אויף דער טאַט.

בענעש

די נאַכט איז אויסגעשטערנט מיט ענגלישן פאַרראַט.
ספּיראַלן האַלטן וואַך.
טראַמווייען קלינגען ליידיק אויף די
באַרג-אַראָפּ'ן פון פּראָג.

עדואַרד בענעש, פינף פּוס עפּעס,
גליט אין אַלע זיינע פענצטער.
די שלייפן שלאָגן. דער שטערן פיבערט
ווי סודעטנלאַנד.

די שטאָט איז אַלט, מיט ווידער-קולות
פון צערודערטע נעכט, מיט צערייצטן געמיט
פון שלאָפלאָזע יאָרהונדערטער.
עדואַרד בענעש לעבט נאָך אָן אויג-שפּעלטל שלאָף,
דער מוח זשומעט ווי די ווייטסטע ווינקלען
פון דער אַלטשטאָט.

אַ פּשוט וואָרט הילכט-אָפּ מיט קולות
ווי אַ הייל.
שוועל. דעם טאַטנס שוועל.
אַלטע פויערים אָכצן און שמעקן פון טוטין.
יונגען וואַרטן ביי די פּלויטן,
פון צעפּראַלטע טירן שמעקן ברויטן
אין קאָזלאָני פאַרנאַכט.
די קאַרעטע פונם דייטשן גוטבאַזיצער
טראָגט זיך דורך שטויב
אין דער שקיעה אַריין.
לאַנגע טשעכישע טאַטעס מיט שאַפּקעס אין די הענט,

איינגעפאַלענער שוים
ביי זיין טויער.

שוועל. דאָס וואָרט מיניעט מיט ריחות,
מיט פאַרבן,
דערמאָנט פרילינג אויף פּאַריזער בלומען־מאַרקן.
הענאַ איז בלאָנד,
שוועסטעריש און טשעכיש.
וויפל קאָסעם זענען שוין זייט דאַן
פאַרשטומפּיקט געוואָרן?
מיטלעלטערדיק לויערט זי היינט
אויפן הויכן בעטגעוואַנט
און איר האַרץ וויינט מיידליש
ביי זיין יעדן טראָט.

פּאַריז.
לאַנגע ברויטן, ווײַן און שימלדיקער קעז.
לאַנדיש און בעז.
באַזעצטע טישלעך אויף די טראָטוארן.
קוויטיקע פּאַרטיכער, אויגן־שירעמס און שטאַרק ליכט
אין אַ שפּעטנאַכטיקער רעדאַקציע. די פינגער פיבערן
ביים אָנרייבן שוועבלדיקע ווערטער
פון אַ פּראָקלאַמאַציע.

דערנאָך — צילינדער, קופערטן אין האַפּנס.
גרינער דיפּלאָמאַטן־טיש מיט מאַרקירטע קאָרטן.
די אויגן — כיטרע ווי דעם זיידנס
ביי די תבואה־וואָגן,
דער שטערן נידעריק, דאָס מויל פאַרקרימט
ווי מיט פלעקלעך אָנגעלאָדן —
גרימאַס פונם שוסטערשן ברודער.

עדוואַרד בענעש,

די אויערן פאַרשוואַלן מיט ניט-הערן,
די אויגן — מיט ניט-זען,
שפּאַנט נערוועז, שפּאַנט פאַמעלעך, שפּאַנט מיט סאָלדאַטישן טראַט
ווי אַ קינד מיט אַ בעזים אויפן אַקסל.

ניין. יאָ.
ניין.

עדואַרד בענעש זוכט אַן אינדזל רו,
אַ פּשוט'ן, קלאָרן געדאַנק,
צוגעפּאַסט פאַר אַט דער פייערלעכער שעה
ווען גורל האָט שוין אָנגעקינדיקט
אויף דער וואַנט.

בענעש שמייכלט.
ער וואָלט געוועט אַ בעלן וויסן
ווי „גוד אָלד" נעוויל טשעמבערלעין
(מיטן קרוכלען קול און הויכן קראַגן,
סוחריש-האַרט,
קאָרעקט אפילו אין פּאַראַט)
האָט אין עראָפּלאַן קיין בערכטעסגאַדן
באַנומען די צעבליצטע דונערדיקע נאַכט,
די קאַלטע צונגן און די הייסע כמאַרעס —
מיט געשפּאַנטע חושים, צי בלויז מיט די
ענגלישע פאַרקרענקטע מאַנדלען?

ביים וועגעטאַריער-טיש אין מינכען —
צי האָט אים אַ דינער דעם שירעם דערמאָנט,
צי האָט דאַלאַדיע'ס האַנט זיך געזאַמט
ביים אָנציען דעם אַרבל,
צי האָבן ביים פירער געפּלעקט
טראָפּנס מילך אויף דער וואָנצע?

בענעש טאַפּט זיך די וואַנצע.
זי גליט מיט סוואַסטיקא.
די לבנה איז אַ קרום-קרייץ
איבער פּראַג.

וויפיל אויגן האָבן היינט אָפּגעדאַנקט פון שלאָף?
וויפיל קישנס זענען אָנ׳ם צייכן פון אַ קאָפּ?

עס שווייגט מאַזאַריק און עס שווייגט דער מהר״ל.
דעמאָקראַטיע.
F. D. R.

עדואַרד בענעש רופט דעם שם.
ספּיראַלן בלענדן קאַלט
ווי דייטשע באַיאָנעטן.

י. ל. פּ. פאַרלאָזט דעם גן־עדן און קומט צוגאַסט צו זיינע קינדס־קינדער

געלויבט־איז־גאָט. עס גילט נאָך אַלץ דער נאַנסן־פּאַס.
זאָגן ניט, ווי קום איך דאָ אַהער?
פאַר אַ שטיק שור הבר באַקומען אַן אויסרייז־שיין
און זיך אַראָפּגעכאַפּט נאָסטאַלגעווען
אויף וואַשינגטאָן סקווער.

דיביימער בליען.
די זון פאַרשרייט מיט ליכט דעם ליאַרעם פון די קינדער
אויפן גראָז.
מיטן פרילינג קומט נאָך אַלץ
די וואַרעם,
מורא פאַר עקזאַמענס,
טשאַד פון מאַדעס, פאַרבן, קולות
אויף די גאַסן.
פאַרשלעפּערטע סטודענטן אין די קלאַסן.

געשיכטע איז נאָך אַלץ אַ לימוד.

אַז עס קומט צו דאַטום, נאָמען, אָרט,
מעגט איר גלויבן די ביכער אויפן וואָרט.
געווען אַזאַ, בעניטאָ מוסאָליני,
וואָס האָט געצעזאַרט אין איטאַליע,
גערעוועט דורך אַ מיקראָפאָן,
(מיט דער האַנט אין בוזעם, ווי נאַפּאָלעאָן),
שונאים געפּלעגט מיט ריצנאייל,
געריסן מאַנסביל פון בעט אין מיטן דער נאַכט,
שטעט און דערפער געשיקט צו דער שלאַכט.

היטלער - גערינג - געבעלס —
אויך ניט אויסגעטראַכט.
אויף דער שאַנס-עליסיי האָבן געראַלט נאַצישע טאַנקען.
(דאָס פאָלק האָט פאַרווישט דעם שוים פון מויל
און ווייטער זיך געוואַקלט פאַר די ביר-שראַנקען,
געשמועסט ביי טישלעך אויף די טראָטוארן,
פראַנצויזיש ווייבגעזינד
האָט זיך געאָרעמט מיטן דייטש
אויף האַרבסטיקע בולוואַרן.)

די ציפערן זענען אויך ניט געפעלשט.
אַזויפיל און אַזויפיל שטוקאַס, מעסערשמיטס
האָבן איבער האַמבורג, דונקערק, דאָווער,
מיט טויט געשפּריצט.
פ. ד. ר. איז געווען פּרעזידענט,
מיט פעסטע הענט געקלאַמערט דעם שטענדער,
געזאָגט:
„מאַי פרענדס."

דאָס אַלץ ווי אין ביכל שטייט.
כ'האָב עס געזען,
געווען
ביים געשען.
געפיבערט ערב-מיטאָג ביים ראַדיאָ-אַפּאַראַט,
געבלייכט אין וויזע-ריי ביים אַמעריקאַנער
קאָנסולאַט, געקראָכן אויפן בויך צום שונא'ס
באַריקאַד, געלייגט מינעס און געשניטן דראָט,
געלאָפן פון אינוואַזיע און ניט געקוקט צוריק
ווי לוט, ווען רויך האָט אויסגעמעקט מיין שטאָט.

דאָס זענען געווען די גרויליקע פייערטעג
פון אונדזער צייט.
וואָס ווייסט איר אָבער וועגן די פּשוט'ע דריטע

און צענטע אין חודש, ווען ס'האָבן געקילט
די האַרמאַטן, „געוויקענדט" דיפּלאָמאַטן,
וואָס ווייסט איר פון יענע טעג וואָס זענען ניט געוואָרן דאַטן?

דער זומער איז זיך געגאַנגען זיין וועג
געגן יעדן פאַרבאַט און דעקרעט.
שקיעות האָבן געברענט מיטן זעלטנסטן רויט.
דער דרויסן האָט געפּילדערט מיט גאַנג און רייד.
באַמבינאָס האָבן געוויינט פון היץ.
פאַרשוויצטע מאַמעס האָבן געבלאָזן
אויף די בריסט.

אין רוים. אין ניויאָרק.
און ווענעדיק.

איבער די פינצטערע וואַסערן פון גראַנד קאַנאַל
האָבן ווי שטענדיק געפינטלט
וויינאַכט-לאַמטערנעס.
אויף די אונטערשטראָמען
האָבן געזונגען גאָנדאָליאָרן.
אויף פייכטע קלעצער
אַלטע לייט
האָבן געקנעפּלט די טוליפּלעך
און געכלעפּטשעט וויין.

די וואָס איר חזר'ט זייערע נעמען, האָבן געלעבט
מ'זאָל זיי אייביק-ווילאַנג באַרעדן אין שריפט.
מיר האָבן געלעבט
פאַר זיך,
פאַרן ערשטן שאַרפן אָקטאָבערדיקן פראָסט,
פאַרן ברענענדיקן שויבן-פּעבל

ווינטערנעכטס אין שטאָט.

ווען דער טויט האָט ערגעץ אין רוים דעם דיקטאַטאָר געפּאַקט
ביים גאָרגל און האַרץ
ווי אויף אַ הינטערגאַס
האָט אַן אַלטער נאָך אַלץ געקערט מיט דער צונג
דאָס העלדזל פון פלאַש,
אַ פויער אויף אַ פעלד הינטער מילאַן
איז ווי פון שטענדיק ביז שטענדיק
הינטערן אַקער געגאַן,
טרעגער האָבן ווייטער געטאַסקעט געפּעק
אויף אַ גרויען פאַררויכערטן וואָקזאַל.

אונדז, געוויינטלעכע פאַרשוין,
האָט מער צערודערט
אַ שפּרענקל אין אויג
ווי דעם הערשערס טויט.

איר חזר'ט דעם דאַטום פון יעדן געשען.
געשען איז די צייט און ניט מיר.
מיר — זענען בלויז געווען,
שטאַרק
געווען.

קינדס-קינדער פון וויפלטן דור:
משפּט אונדז
ניט לויט דער טאַט
נאָר לויט דער תאווה.
מיט די פינגער
מיטן גומען
מיטן אויער.
לויט די גלוסטן און עקסטאַזן
פון אַ פּראָסטן חי וקים
אין געוויינטלעכסטן יום-יום.

5. סדרה פון וואָד

גלגול יוסף
יעקב האָלט ביים שטאַרבן

גלגול יוסף

ניט איר לייב, נאָר דער דיוואַן
אויף וועלכן ס׳וואַליעט
פּוטיפר׳ס ווייב,
די בשמים אין טעצל
און דאָס אייל אין קרוג
וואַקלען יוסף׳ס יונגע טריט.

דער זאַל איז באַמאָלן מיט חיות, יעגער און ווינט,
פּאַרטונקלט מיט וואַזאָנעס און שטאָרן.
די זון רינט דורך קליינע שפּאַלטן
ווי אַ ניגון
וואָס מ׳קאָן זיך ניט דערמאָנען.

אירע נאָפּלען, וועלקנדיקע
שטענגלעך.
איר בוזעם, שווערע ווייסקייט
ווי דאָס זאַמד
אין מצרי׳שן לאַנד.
אין כנען
האָט ער שענערס
געזען.
אַ הויכן האַלדז.
אַ ווילדע ברעם.

נאָר זי, אויף אָנגעלייגטע פעלן,
מיט פאַלבן פעטס, ווי גאַרטלען, אַרום בויך,
רייצט אויף אים די זנות-געניטשאַפט
פון אַ ווייבספאַרשוין אין די מיטעלע יאָר;

דערמאָנט אָן שפּעטן אויפשטײן און אָן גוטן װײן,
אָן רײכן מאַנס שפּאַציר, מיט װאָרזאַגער
דינער און שקלאַפן
דורך רױשנדיקע מאַרקן
װען סוחרים, אונטערטעניק
און צערײצט,
שמעקן, װי די הינט — דאָס פלײש.
דעם גאָלדמינץ בײטל.

זײנע מזלות — פאַרהױכט מיט איר גלוסט.
איר לײב איז נאָך אַלץ גוטער שניט.
און דער װעג דורך איר פירט —
װאו פירט ער ניט?

קײן אָטעם. קײן רױם. דער הימל איז גרוי
און דריקט װי אַ פּאַנצער.
ײנגלעך שרײען און שװימען אַנטקעגן,
פײגל פּאַטשן איבער זײערע קעפּ.
לאַנדװינט קלאַפּט אָן שטײפע מאַסטן.
יוסף שטראַלט צװישן זעגלען
פון אַ שיף װאָס שלאָגט צום ברעג.
אַדוני, װעט ער זאָגן אויף יונ׳יש,
אויף לאַטײן.

פּוטיפר׳ס װײב װעט אים
שנעלן מיט אַ פּעכער
אין אַ קילער פאַרטונקלטער שטוב,
און װי די שװײסיקע מעקלער פון מדין
אים טאַפּן די אָרעמס און די היפטן,
אים שאַצן אין גאָלד,
אים גלוסטיק ציען

צו די האַריקע פעלן.

זי איז רוים.
און רוים
איז
מאַכט.
דער טאָג רינט ווי גליאיק וואַקס
איבערן קאָליסיי. די זון איז גע־
קלאַנג און געבראַזג.
מ'פירט אַרוים די פערד, דינער פרישן זיי מיט
נאַסע שוואָמען, שיטן גאָלדזאַמד אויף דער ערד.
די גלאַדיאַטאָרס שפּאַנען
דורך טשאַד און שריי און ליכט,
דורך הילך פון באַראַבאַנען.
אין זונבראַנד אויף די טרעפּ
קוויטשעט דער המון.

דאָס איז רוים.

און רוים איז
מאַכט.

נאָר ביינאַכט
ווען חלומות נאָגלען אים די גלידער
הערט ער די רווישיקע יידישע סוחרים
ווי קעגן עלף אַזייגער אינדערפרי
ביים טיבער
און דורך אַנגסט און שווייסן
דערקאָנט ער זיינע ברידער.
(די אויסגעמאַרעטע רינדער פון כנען
רייבן די מאַרדעס

אָן די פּיסלעך פון זיין בעט און
לאַסטשען אים מיט דורשטיקע
צינגער.)

ס׳וויאַנען שטעט און ס׳וועלקן צייטן
און נאָך אַלץ עסן האָרן קאַנדלצוקער
און פּעבל רעווען אויפשטאַנד
ביי די ברעגעס פון אַ טייבער.
יעקב פּעדימט-איין אַ טרייסט
און שטאַרקט זיך קעגן טויט
און די זין קושן די מזוזה
און פּאָרן אַ טאָפּ טאָן
די דיזשעס ברויט אין מצרים,
וואו דער ברודער יאָזעפוס כתיבה׳ט נאָך אַלץ
עפּיסטעלן צו די גויים.

יעקב האַלט ביים שטאַרבן

יעקב איז שוין כמעט אינגאַנצן טויט,
נאָר וואָס די לעצטע שיין שטעכט ווי אַ פינטל אין אויג
און ער קאָן נאָך אַלץ ניט
פאַרגעסן דעם מום.
אַרום אים — די זין
קלאָגן און לאָזן ניט צוטאָן די וויעס.
ס'איז הייסער מיטנטאָג. דאָס פעלד פאַרשמעקט
די שטוב.
די אייזלען, געלאָזט אינמיטן פאַרשפאַנען,
טאָפּטשען אויף אָן אָרט,
הירזשען
און שמייסן מיט די עקן.

צוועלף מאַנסביל אין דער ענגשאַפט פאַרן שטאַרבן,
מיט שטרוי אין די בערד, מעכטיקע הענט
און גרויסע אַפּעטיטן —
פאַרשעמט
פאַרן טאַטנס ניט־ווערן.
צום לעצטן מאָל באַנעצט זיין צונג אַ וואָרט —
יוסף.
דער קאָפּ פאַלט האַסטיק צוריק. דער שטערן
שטראַלט.

די זין דרייען די קעפּ ווי פון אונטער עטרות.
נו, נו, נו . . .
לייג די לאַפּע צו דער דיך.
יוסף טרעט־אָפּ פון דער שויב, טראָגט נאָך אין ווייסל
דאָס בלוי פונם הײמישן הימל,

די בענקשאַפט נאָך די יאָרן
פון זיידענעם העמד.

די שוועגערינס שרויפן די פּיסקלעך.

„עץ זענט אַ מבין אויף מצרי׳שע פּאַרפומען!״
„אַז עך טענה מיט מיינעם וואָס דאַרפסטו אים רופן?
ער הערט אַ טאַטע איז קראַנק
און קומט ניט צורייטן,
מהיכי תיתי.
וואָסי׳ דאָס, אַ חתונה, וואָס מ׳דאַרף אים פאַרבעטן?״

יעקב איז שוין כמעט אינגאַנצן טויט,
חוץ וואָס —
דער מוח, דאָס אויער
און דאָס אויג.
נשים, טראַכט ער,
לאה.
פאַר גאַנץ כנען האָט זי אויף אים
אָנבאַלאַקעט.
עיני לאה רכות.
דאָס פאַרשוין, מ׳שטיינס געזאָגט,
און די לאָמטערנעס.
כאָטש אויפן געלעגער האָט זי געוואָרעמט
מער ווי די דיקסטע פעלן.

ווען ניט די ווייבער, וואָלט ער היינט געווען
אַ שררה אין מצרים,
דאָס וואָס יוסף איז געוואָרן.

דער זון,
ביז אַ האָר געראָטן אָן דער מאַמען.
(רחל׳ען האָבן דען געוויטיקט זיינע בעסטע יאָר

אין לבנ׳ס דינסט?)
וואָס קער ער זיך אָן מיט אַ טאַטן און מיט ברידער?
אַבי — ער!

מאַנזשעטן. געקרייזלטע האָר.
צוגעשטיצט די באָרד.
אַ צדיק?
מסתם האָט אים די פּוטיפר׳טע ניט געשמעקט,
צי אַז ר׳איז רייך געוואָרן, האָט ער באַפוילן
די גאַנצע מעשה איבערשרייבן.
און אפשר קאָן ער, וואָס האָט אַזוי ליב
דאָס אייגענע דמות
און יעגערט אויף זיך אין יעדער שפּיגלדיקער פלאַך,
גאָרניט פאַרשטיין דעם יופי
פון אַ פרוי?

דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון בוים.
דין פאַר איר
(שלאַנק די פיס
און גדלות׳דיק דער קאָפּ)
צווייטאָל זיבן יאָר,
און רק די אַקסלען ציטערן.
אפילו דער קבר שטייט איר ניט אָן.

די זין און די שנורן, וועלן צעפּראַלן
פענצטער און טירן
און וויינען
און בייז שמייסן די אייזלען ביים אַקערן די ערד.
ווייסט, חמורים, וואָס עס הייסט אַז דער טאַטע
איז געשטאָרבן.
יוסף וועט זיך אויסבינדן דעם שניפּס
און זען צי ס׳פּאַסט דער טרויער
צו זיין געזיכט.

ַא דונער קראַכט הינטערן הויז.
ַא פויגל שרייט.
אלהים, גיב מוט.
איך קום צו דיר געפינטלט ווי ַא שעפס,
מיט גוטס,
מיט שלעכטס,
איך קום צו דיר געפינטלט ווי ַא שעפס.

6. פאַרשידנס

מיין וועזן און זיינע מינדערהייטן
עגאָצענטריקער
שטאָם-ליד
מעדיטאַציע ביי דער סטייוועסענט קירך
עדיפוס קאָמפלעקס
פאַרוואַנדשאַפט
מינאָר
חד גדיא קלאָגט זיך
98 פאַרענהייט
ליד
ווינטער
שטאָט-נאַכט
מאַריאַ
גאַסן-פרוי
צו אַ נעגער-מיידל
בורלעסק טעאַטער
צוואַנציק שורות צו אַ בוים

מיין ווען און זיינע מינדערהייטן

בייטאָג איז מיין פלויט —
די זעט,
דאָס נאַקעטע אויג,
דער באַרג.
די ערד איז וואַרעם
און די זון איז שטאַרק.
מיט טעם איז רייף
איעדעס וואָרט,
און יעדער מיין
איז פשוט
קאָנקרעט
ווי דער טיש
ווי דאָס בעט.
פייגל און וואָלקנס,
עיקר שכחתי׳ם
אויף די בריוו
פון שיינע טעג.

נאָר ביינאַכט קומען קולות
פון יענער זייט.
אַ פלוצים׳דיקער בליץ
אַנטפּלעקט די נייע טיף
לענג און ברייט
פון אייגענעם גוף.
דורך די אינגעווייטן
שאַרן זיך שפּיאָנען,
מיטן הויכן בלוט-שטראָם
קומען-אָן די שונאים.

די פרידלעכסטע ווערטער
שטייען־צו צום פאַראַט,
די פּאַסיווסטע געדאַנקען
צאָרנען מיט טאַט.
די ריפּן קראַכן
ווי ריגלען אויפֿן מאַרק,
פֿון שטעכיקן דראָט פֿון אַ חלום
רייסט זיך אַ פֿאַרצווייפֿלטער קאַרק.

נאָך דער שלאָף־זאַווערוכע
איז אַלץ ווידער פּאַסטאָראַל.
יעדער געדאַנק
כראָמטשעט זיין האָבער,
הירזשעט אין זיין שטאַל.
ווי די ערד
אַרום דער זון,
דרייט זיך מיין הונט
אַרום אייגענעם עק.

נאָר מיין קאָפּ רויכערט מיט טשאַד
ווי אַ טאָל.
ביי די שטאַמען —
מיין אויער
אויף דער לויער,
געשפּיצט ווי אַ ביקס
צום קעצישן שפּרונג
פֿון מערב
און קראָט,
צום אויפֿשטאַנד וואָס דראָט.

עגאָצענטריקער

די הענט רייסן זיך פון די געלענקען,
די אַקסלען זענען מיד פון
צוזאַמענבינד און יעדע ברעם
וויל אָוועקפליען ווי אַ טויב.

ער איז ווי אַ שטראָם און אַלע
גלידער זענען
צעבונטעוועטע אַנקערס.
ר׳איז די שריפה
וואָס פאַרצערט
דעם גאַנג־אַראָפּ,
ר׳איז דאָס פנים
אין רויך
אויף אַן אויבערשטן שטאָק.

אודאי איז דאָס די צייט
פון גרויסער נויט און
הארבע טאַטן.
די גערעכטע שינדן,
ווי הויט פון אייגענעם לייב, די
גראַטעס פאַר די אויגן;
קלאַמערן שטעקנס פון
פאַרשוועכטע פאַנען
אויף צעטריבענע פראַטעסטן.
נאָר העכער ווי דעם דופק
פון דער צייט

הערט ער דאָס קלאַפּן
פון אייגענעם האַרץ.

זיינע פינגער פּרוּוון זיך
ווי חלפים
אויפן אייגענעם האַלדז.
ער זוכט אַ טיר אַרויס פון לייב,
אין פלאַמען און אין אַנגסט.

ער איז דואל.
דאָס איז ער שמשון.
און דאָס איז ער דער פוקס
מיט פלאַקערדיקן עק.

שטאָם-ליד

איך זוך אין מיר די שפּורן פון מיין שטאַם.
וואו איז אין מיר מיין באָבע
וואָס אין די לאַנגע טעג
ביי אַ טונקעלער שויב
פרעפלט זי אַלטמאָדיש
מיט איר גאָט ?
און די מאַמע וואָס וויינט
איבער אַ מעשה אין בלאַט
און לאָזט ניט דורך
אַן אויסגעשטרעקטע האַנט ?

איך זוך אין מיר די שפּורן פון מיין שטאַם.
אַ לאַנגער שווערער שליטוועגס
פון „ווי"
און „וואָס"
צווישן זיידן און מיר.
אַנדערע רייצן
רעגן מיין חלום,
אַנדערע זאָרגן
שפּאַנען מיין געדאַנק,
אָבער די צונג און די נאָז האָבן נאָך אויפגעהיט
מן-הסתם
זיינעם אַ טעם,
זיינע אַ לוסט.

איך זוך אין מיר די שפּורן פון מיין שטאַם.
ווער ווייסט די נעכט
פון מיין עלטער-זיידנס פרומע טעג ?
האָב איך גע'ירשנ'ט פון אים

מיין וואַנזיניק בעט
ווען לבנה קלעקט מיט בלוט
און דאָס אייגענע לייב איז אַ פאַסטקע?

איך זוך אין מיר די שפורן פון מיין שטאַם.
די פרעמדלענדישע יאָרן פון מיין טאַטען,
אין פאַניק פון צעצונדענע שטעט
ווען דאָס ווייב איז אויף יענער זייט פאַסט.

פאַרציט די שטאָרן. לעשט-אוים דעם קנויט.
מיין שטאַם איז אַ בייזע לעגענדע.

מעדיטאַציע ביי דער סטייוועסענט קירך

דער קלויסטער איז צעבליט מיט גרינס
און איינגעוואָרעמט אין דער לאַנדשאַפט
פון אַ וועלטשטאָט.
קינאָ־שילדן גייען־אויף ווי זעאונג.

אַלץ וואָס שטומט און לעבט
איז אַן אָפּבילד פון מיינע
אויפגעוואַכטע חושים.
מיין יעדער גליד איז דורכגעשטראָמט מיט פייער.
דאָס פּנים גליט מיט ליבע און מיט מאָרד.
ווער זוכט עס איצט אַ קיום דורך מיין גוף?

איך זוך אַ קרובה׳שאַפט צווישן דער לעגענדע
פון שלאַנקגאַנג, פּוטער און פּאַרפום,
וואָס מעקלערט ווי די שטאָט,
און מיין פרומער מאַמען
וואָס האָט אָן אַ מאַנזביל אָפּגעוועלקט
די נעכט פון אירע בעסטע צוועלף יאָר.

ווי ספירות טליקען אויף געשטאַלטן.

דאָס ליכטיק־מילדע פּנים פון מיין ברודער.
מיין טאַטע, אַ טרוימער און אַ שוועבלינג,
מיט צאָרנדיקן פויסט,
מיט שנאה וועלטן איינצואוואַרפן,
וואָס פאַר אַ שמייכלדיק וואָרט
צופּט ער גראָז פון יענעמס האַנט.

אַלע רעדן איצט דורך מיינע תנועות
און מיין גאַנג.
און עס רעדט באַצייטנס שוין דאָס גראָז
וואָס וועט נאָך אַזויפיל און אַזויפיל זון־קרייז
אויפשפּראָצן פון מיינעם אַ פאַרוועלקטן פּוס.

ווער בין איך וואָס פּייניקט זיך מיט ווערטער
אין שאָטן פון אַ קלויסטער
אין פאַרהילכטער צעפלאַקערטער שטאָט?
מיינע דורות האָבן געשאָלטן דעם צלם,
געשפּיגן אין גלח'ס הייליק וואַסער,
ביי יעדן וועטערטויש דערפילט
די נאָגל־וואונדן אויף די הענט און פיאַטעס.

אַ שכור פון דער באָוערי
שפּאַנט זיכער ווי אַ נס
איבער דער גאַס.
בלוטיקט. אפשר איז ער יעזוס
אויפן קרייץ. און אפשר גאָר
אַ ייד פון בריסק, פון טשענסטאָכאָוו.

איך טראָג דעם חורבן־גלוסט פון קיילער,
די מורא פון איד.
דאָס האָט אַ בתולה פון מיין שטאַם
פאַרזיגלט אין אַנגסט
דאָס געזיכט פון איר פאַרגוואַלטיקער.

די אויערן זענען דול
פון בין־געררויש פון גאַסן.
אויף קאָרטן און מזלות
איז שוין אַלץ פאַרצייכנט.

עדיפּוס קאָמפּלעקס

דאָס זענען די טעג פון האַרבסט
ווען יעדער גליד נאָגט צוריק צום שטאַם.
דאָס יינגל ציט צו דער מיטליאָריקער —
זיין געליבטע און זיין אַם.
זי גייט אונטער מענערשן בלעטער-געפּלעכט,
אַ פייערלעך גרייטן צום לעצטן עקסטאַז
אין איר
און אין אַלץ.
די בריסטן גלוסטן צו דער שענדנדיקער
זשמעניע,
די היפּטן לייגן זיך ביים קער,
די פיס פאַלן אונטער דער וואַרעמער
קי׳עשער זעט.
זי איז אייביק. רחב און פּוטיפר׳ס ווייב.
דער וועג צו מאַמע און פון מאַמע
איז דורך איר.
זי איז אין שאָרך פון גאַנג,
אין קלאַפּ פון טיר.
זיין בלוט איז גרייט מיט נעצן און מיט שאַרפן.

פאַרוואַנדשאַפט

קלאָר איז מיר בלויז דער שפּעטער האַרבסט,
וואַרעמע זון אויף אַ קלויסטער שפּיץ
און קולות פון אַ ווייטער גאַס.
קעגן שקיעה האָט דער מוח זיך צעצונדן
מיט וואַרעמע פאַרבן,
זוכט אַן אָנבינד מיט דער שעה,
מיט אַן אַלטן געשעען.
די צונג,
די פינגער־שפּיצן
האָבן שוין אַמאָל אַזוינס
געפילט,
באַנומען.

דער אָפּהילך פון מיין מיידלס אָפּצאַסן
און די שיין אויף איר באַק
קניפּן נאָך מער.
די אומרואיקע קלאָען פון פערד און
די פּאַרע פון צוויי נאָענטע פעלן.

די שטאָט גרוילט מיט געשרייען פון וואַלד.
ווער בענקט עס אין מיר נאָכן
בהמה'שן צבור אין שטאַל,
נאָך טויאיקע לאָנקעס און קאַלטער לבנה?

צווישן רויטן - גרינעם ליכט
זענען מיר צעשאָטענע
ליאַרעמדיקע שאָף,
און אויטאָס שפּירן אונדזער שרעק
ווי שאַקאַלן.

מינאָר

די נאַכט איז בלוי, און פלעקלעך
ווייס אויף דער קאָלדרע.
מיין ווייב איז פאַרצעליי, און איך
ווי האָגל אויף די פענצטער.
אונדזער חלום חזר׳ט איבער
אונדזער טאָג.

איר זענט גערעכט, חברים.
פון אייך שמעקט די רעוואָלוציע
ווי בראָנפן און ס׳דרייט זיך אייך
אַפילו ניט דער קאָפּ.

אַז אייער שטיין וועט טרעפן
אין מיין פענצטער
וועט עס מיך אסור פאַרדריסן.

חד גדיא קלאָגט זיך

אויף ווילדשטעג, אין קוסט,
בין איך דער הייסער שפּור,
דאָס ווילדע בילן פון די הינט,
דאָס קלאָרליכט פון
לבנה.

אין רווישיקן געזעמל אויפן מאַרק
בין איך דער אָפּגעשליסענער מבשר,
דער וואָס וואַרפט דעם ערשטן שטיין,
און דער וואָס ווישט דאָס
בלוט פון שטערן.

טייל מיך אוים. באַשטים מיין זינד.
בין איך דער גואל הדם, צי דער
וואָס קלאַמערט דעם מזבח?

די נאַכט גייט־אויף מיט ווייט געוואַי.
דאָס לייב גליט
מיט יעגערלוסט.
פּחד שווייסט די דלאָניעס.

98 פֿאַרענהייט

דער הימל איז נאַכטיק און
שווער. מיר זענען
גענאָפּלט צו דער ערד
ווי ביימער.
עלעקטרישע שילדן טאַיען
אין אַ געלן טשאַד און
לאָמפּן שווימען אום
אין אָפּגעזעצטער לופֿט.
קינדער פֿאַלן אַרוים פֿון
חלומות,
ברויט איז דאָס געזאַנג
פֿון אונדזערע הייזעריקסטע לידער.
אונדזער זומער. אונדזער צייט.
זקנים זענען מיד
פֿון ניט פֿאַרשטיין,
פֿון אייגענעם קרוכלען געביין.
ס'הונגערט דער קנעכט
און צינדט די
גאַרדינען ביים האַר.

ליד

איך בין היינט ווי אַ
גרויסשטאָט, אויסטערליש־
צעצונדן, פול מיט
קולות און מיט
סודות׳דיקע בלוטן.
איך בין היינט איבלדיק־
צעלויכטן ווי די
שילדן אויף דער טרינק־גאַס,
פול מיט קוימענס,
פענצטער און טומאַנען,
בלענד פון
פלוצימדיקע באַנען.
פרויען וואַקלען
אויף דער גאַס
און דרייען שליסלען
אַרום פינגער.
בעטן טרעשטשען אונטער
זקנים.
קינדער וויינען.
איך בלאָנדזשע אין אייגענעם לייב,
בין סותר די אייגענע גלידער.

ווינטער

טעג פון ווילדן
בלענד און פראָסט.
יעדע שיין — אַ
ווייזער, יעדער שאָטן
איז אַ יעגער.
רעדער וואַקלען,
אויטאָס זיינען שכור.

שניי גייט־אויף
אין ווייסע שריפות, און זון
איז בראַנד איבער די דעכער.

גאַסן טונקלען אין רויך
און אין יעדן גאַנג
איז פּאַניק.

היסטעריע פון ליכט
און זעט, באַרוועס
און הונגער.

דאָס הארץ — אַן אָפּגעפרעמדטע
האַנט,
פאַרצייכנט:
פרייד, יסורים,
וואַנזין.

שטאָט-נאַכט

הייזער, ביימער רינען־אוים.
שטאָט איז פאַרשריגן
מיט נאַכט און מיט שניי.
ליכט לויפט מיט אַלע
טונקעלע טונעלן,
שילדן פלאַקערן
ווי לעבעדיקע פייגל.

אין וואַרעמען זכרון פון דער נאַכט,
וואַכן מיט עלעקטרישער שריפט
רפואות פאַר די מאָגעלעך
פון קינדער.

אויטאָס שאָרכן ווי סאַמעט
און זיידנס.
פיבערדיקע לייבער
קלעפּן צו לייוונט
און פאַרבן.

ס׳פאָרן זיך טראַמווייען,
קעצלעך און הינט.
בלענדנדיקע פויסטן,
פלאַקאַטן און פּאָנעם —
שגעון, געשלעכט
און לבנה.

מאַריאַ

סע בלענדט מיט זון, מיט ווינט,
מיט פייער פאַר די שויבן.
דיין יעדער ריר — שווענק פון וואַסער
איבער פעלדזן.

נאַכט. און ניט נצרת.
גאַט צאַלט מיט סאַמעט, מיט זייד,
און האָט אַ שליסל צו דיין טיר.

דיין צימער —
געפאַנגענער וואַלד.
גראָזן רייצן פון די פלעשלעך
און חיות נעמען לעבן
אויף דיין לייב.

דיין בלוט איז אַ טראָמפּייטן־שאַל
אין שטאָטישער ווילדנאַכט.

נאַכט. — און ניט נצרת.
דיין געקרייציקטער זון
זוכט אַ שוועל פאַר זיין קאָפּ
אונטער שילדן און שטערן.

גאַסן-פּרווי

דער פאַרנאַכט טוישט די קעלט
און די פאַרבן.
זי טופּעט אויף דינע אָפּצאַסן
ביי אַ פאָנאַר אויף דער פערצענטער גאַס.
דער קליינער, אָנגעפּעלצטער איטאַליענער
וויל זי ווי אַ קרענצל קנאָבל
צווישן צונג און ציינער.
ער דריקט אַ זשמעניע קליינגעלט
נאָר זי שאָקלט קינדיש מיטן קאָפּ
אויף „ניין".
עס וואַקלט זיך צו איר
אַ שכורער אירלענדער.
זי איז די שענסטע פון אַלע לאַמטערנעס
און ער וועט זי הילן ווי אַ נעפּל
ביז פאַרטאָג.
אין פענצטערדיקן פילדערדיקן אויפדערנאַכט
דער זעכצניאָריקער אין שוידער און דראָזש
זעט זי אויף די הייליקע בילדער.
און דער ייד, דער פּאַטריאַרך,
וואָס פאַרקויפט איר זעמעלעך אויף באָרג,
זשיפּעט: „דער בלוי-ראָק האַלט אויף דיר אַן אויג!"
ער וואָלט אודאי פאַרשאָלטן מיין געביין
ווען איך זאָג אים אַז דאָס יויזל
איז זיינס גלייכן געווען.

צו אַ נעגער-מיידל

די היפטן שפּאַנען-אויס פון קלייד.
די בריסטן קראַקען פון בראַזיר.
ס'שלאָגט פון דיר מיט ריחות און מיט טיפן,
מיט שלמה'ס ווילדער באָרד,
מיט די ווייסע שפּיצן
פון דער מלכה שבאָ.

די נאַכט איז וואַקלדיק, בראַנפּענדיק.
דער קעלנער ווישט דאָס נאַסע פאָרצעליי.
דיינע אַקסלען צוקן מיט אַ ווילדן טאַקט,
מיט אַ הייזעריק געשריי.

איך גיי נאָך דיין גלוסטיקן וויג.
גרויל און פרייד האָבן באַפאַרבט און צעהיצט
דעם נעגער-פאַרנאַכט מיט
רויען געצנדינסט,
מיט הייסער אַנגסט.

איך גיי נאָך דיינע קליינע שפּאַסיקע טריט,
דיין רייפן ווייבערשן וויג.
דער אָוונט גליט.
דיין גאַנג אין גאַס איז נאַקעט
ווי בת-שבע'ס רייפע לענדן
אינם הויכן גראָז.

וויפל טונקל וואַגעניש אין דיינע ווייסלען.

בורלעסק טעאַטער

אַנטראַקט. דאָס בורלעסק טעאַטער איז אַ
רוישיקער מאַרק מיט אייגענע זשעסטן
און אייגענער שפּראַך.

אַ פּאַרשוין ווי אַ ניט־דערמעקטע נול
מיט אַ הייזעריק קול,
מיט אַ פּנים אָנגעשטופּלט
ווי אַ בינשטאָק,
קינדיקט אָן אַז פּאָר צוויי „בידס"
באַקומט מען ביי אים
אַ בילדער־קאָנווערט
וואָס וועט
(ער שווערט ביים קראַנק־לייביקן גאָט פון בורלעסק)
אויפשפּילן אויפן סאַמע עלנטסטן מאַנסבילשן בעט
דעם אַגאַ כאַנ׳ס אויסטערלישע הארעם־נעבט
מיט זייער יעדן הונגער,
מיט זייער יעדער זעט.

דער פאַרהאַנג ווינטלט, רייצט. אויף יענער זייט
די מיידלעך ציען־אָן די לאַנגע זאָקן,
פּאַסן־אָן די פּעכערס אויף די היפּטן,
די שיידלעך צו די בריסטן.
דער בלעדער קייט קערלעך
און שלאָגט־אָן אויף דער פּיאַנאָ
בראַווע מאַרשן.

דאָס דיקע מיידל קומט אַרויס,
די גוטע מאַמע און פאַרהאַסטע פרוי,
דעם שכנ'ס טאָכטער פון די קינדעריאָרן.
זי גיט אַ לאַך, אַ וואונק,
פֿאַריכט דאָס שיידל אויף די בריסט,
בלענדט בייז ווי פעלדז אין בינע־ליכט.
דאָס פינצטערע טעאַטער בורעט ווי דער ים,
און פרעסט זי ווי דעם ברעג.

צוואַנציק שורות צו אַ בוים

שמעקסט מיט שוויס, און רוישסט
מיט לעצטן בליאַסק אין צווייגן.
אַרום אונדז פייגלרייד. איך ציטער
מיט דער ליידנשאַפט פאַר פאָרן.
מיר זענען פון איין שטאַם.
מיינע פינגער גראָבן זיך ווי וואָרצלען
צום קילן פינצטערן טיף.
אויף אונדז ביידן פלאַצט די קאָרע,
ס׳שפּאַרט דער סאָק, און אויך דאָס בוך
אויף דר׳ערד איז הייזעריק
און שרייט געפּענטעט פון די טאָוולען.
בוך און איך, פאַרוואָרצלטע ווי דו
אין שוידערגרויל, פאַרפלאָנטערטע
מיט טייכן, ערד און היצן,
גלי־ווערים און נאַכטיקע גערוישן.
אַלע נעסטן זענען וואַרעם מיט געפּליסטער.
די פייגל ציטערן און זענען וואַך.
מיינע הענט גליען אויף דיין דיך.
כ׳זוך אין דיר דערקענטניש,
כ׳שאַף צו דיר אַ לשון.